STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02790

NAHUM SOKOLOV

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום סאָקאָלאָוו

זיין ביאָגראַפיע און חאַראַקטעריסטיק.

פערלאַג פ. קאַנטאַראָוויץ.

וואַרשא — תרע"ב.

דרוק אוניווערסאַל לעשנאָ 31.

פון ארויסגעבער.

ארויסגעבענדיג מיט דריי חדשים צוריק דעם ערשטען באנד „אויסגעוועהלטע שריפטען“, אין אידיש, פון נ. סאקאלאוו, האבען מיר בעשטימט צו געבען אויך נאָטיצען פון זיין ביאגראפיע, וועלכע ס'האט אונז געלונגען דורך גרויס מיה צונויפזאמלען. נאר דערווייסענדיג זיך, דאס אין קורצען וועט געפייערט ווערען דער פופציגיאהריגער יובילעאום פון „הצפירה“, האבען מיר זיך געמוזט ענטזאגען פון אונזער ווילען, כדי צו בעעהרען דערמיט דעם יובילעאום־טאג פון „הצפירה“, וועלכער איז פערבונדען מיט סאקאלאוו'ן, ווי א גוף מיט א נשמה; ווען מען דערמאנט א העברעאישען לעזער דעם נאמען „הצפירה“, קומט איהם גלייך אויפ'ן זינען דער נאמען „סאקאלאוו“.

איינענטליך, איז דער נאמען סאקאלאוו גוט בעקאנט ניט נור דעם העברעאישען לעזער אליין; דען ער האט זעהר פיעל געשריבען און שרייבט נאך אויך איצט כמעט אין אלע איראפעאישע שפראכען; נאר איבעראל, וואו ער קעהרט זיך אין ווענדט זיך, בעגלייט איהם די „הצפירה“ מיט איהר העל־גלענצענדער ליכטיגקייט, ווי דער עמוד האש דעם פאלק ישראל אין דער מדבר.

סאקאלאוו ערנעהרט דעם אידישען פאלק מיט גייסטיגע שפייזען שוין מעהר ווי 32 יאהר, אדער — ריכטיגער געזאגט — אונגעפעהר 12000 טעג. (ער שרייבט דאך יעדען טאג.) מיט גרויס דרך־ארץ דארף מען קוקען אויף אזא צאהל!

ליידער אבער, וועהרענד כמעט אלע אידישע לעזער, סיי העברעאישע, סיי פון אנדערע איראפעאישע שפראכען, געניסען אימער פון זיינע טייערע גייסטיגע שפייזען, האט די איינפאכע אידישע מאסע, וועלכע לעזט בלויז אידיש, נאך ניט געהאט די געלעגענהייט צו דערקענען דעם גרויסען אידישען קינסטלער. מיר האבען דעריבער דא צוגעגעבען א ריין־ליטערארישע חאראקטעריסטיק, אין וועלכער

סאָקאָלאָוו שפּיעגעלט=זיך=אָב פאַר אונזערע אויגען אין זיין ריכטיגער געשטאַלט.

ביאָגראַפיע.

נ. סאָקאָלאָוו איז געבוירען אין װישאָגראָד (פּלאָצקער גוב.) ה׳ שבט, תר״ך.

די פאַמיליע שטאַמט פון קראָקאָ, און ביז צו דעם רמ״א׳ס רבּי — רבּי נתן שפּירא (דער „מגלה עמוקות״) קאָן מען געפינען דעם המשך הדורות. דעם „מגלה עמוקות״ זוהן איז געוועזען רב אין שאַרגאָראָד, און איז דאָרט אומגעקומען על קידוש=השם אין גזירת ת״ח. די קינדער זענען געוועזען רבנים אין פּוילען. זיינס אַנ׳איינִיקעל איז געוועזען דער רבּי, ר׳ שמואל, איינער פון די ערשטע פּוילישע רבּי׳ס, וואָס איז געוועזען רב און רבּי אין סאָקאָלאָוו (שעדלעצער גובערניע) אין אָנפאַנג פון די יאָהרען ת״ק. דעם רבּי ר׳ שמואל׳ס זוהן, ר׳ צבי הירש, האָט שוין געטראָגען דעם נאָמען סאָקאָלאָוו, און האָט זיך בּעזעצט אין װישאָגראָד. ער און די גאַנצע פאַמיליע זענען אָבגעטראָטען פון חסידות און זענען געוועזען מפורסם אַלס פייערדיגע מתנגדים. איינער פון ר׳ צבי הירש׳ס זיהן, ר׳ אפרים יצחק סאָקאָלאָוו (ה׳ תקס״ה—ה׳ תרל״ט), בּעקאַנט מיט׳ן נאָמען „איטשע סאָקאָלאָוו״, איז געוועזען נחום סאָקאָלאָוו׳ס זיידע, און האָט געהאַט אַ געוויסען איינפלוס אויף זיינע ערשטע ערציהונג. ר׳ איטשע סאָקאָלאָוו איז געוועזען אַ בּעריהמטער למדן, האָט תופס ישיבה געוועזען און איז געוועזען פון די עוסקים בצרכי=צבור אין גאַנץ פּלאָצקער גובערניע. קיין רבנות האָט ער נישט אָנגענומען, אָבער מען האָט איהם געהאַלטען אין די גאַנצע סביבה אַלס העכסטען אויטאָריטעט. געגען חסידות האָט ער שטאַרק געקעמפפט, און די חסידים האָבען זיך בּעקלאָגט אויף די שאַרפקייט פון זיין התנגדות, אָבער זיי פלעגען איהם דאָס מוחל=זיין צוליעב דעם יחוס; ער איז געוועזען בּעפריינדעט מיט דעם רוב רבּי׳ס פון זיין צייט, און אפילו איינער פון זיינע אייגענע תלמידים, ר׳ שמואל אבא, איז געוואָרען רבּי, און האָט געגרינדעט אַ גאַנץ נייע משפחת צדיקים אין זשיכלין. ר׳ איטשע סאָקאָלאָוו האָט כל=ימיו געלעבט אין װישאָגראָד אַלס בעל=הבית; ער איז געוועזען דעם דאָרטיגען שטאָדט=גביר׳ס, ר׳ שמואל נגיד׳ס (ברעסלויער), אַנ׳=

אידעם און האָט געהאַט זיין הויז א. ז. וו. ר' איטשע האָט געהאַט צוויי זיהן און איין טאָכטער: שמואל-יוסף, חיים-יששכר און רבקה. שמואל-יוסף, דער עלטערער זוהן, איז געבוירען אין ווישאָגראָד, געלערנט ביים פאָטער, דערנאָך ביי די רבנים אין פלאָצק, האָט געהייראַטעט אין פלאָצק די טאָכטער פון דאָרטיגען גביר ר' שמואל כהן, אָדער ר' שמואל ביעזשונער (שטאַמט פון שטעדטעל ביעזשון, פלאָצקער גובערניע), מרים-גיטל. דערנאָך האָט זיך ר' שמואל-יוסף בעזעצט אין ווישאָגראָד, און האָט זיך פערנומען, זעהר פיעל מיט לערנען, מיט חקירה-ספרים און קהל-זאַכען. דאָרט איז נחום געבוירען, און דאָרט האָט ער געלערנט, קוים דריי יאָהר אַלט, אין ערשטען חדר. אין יאָהר תרכ"ה איז די פאַמיליע אַריבער קיין פלאָצק. נחום'ס קינדהייטס-זכרונות זענען גאָר די ערשטע פון ווישאָגראָד, דער רוב אָבער פון פלאָצק, וואו ער איז אויפגעוואַקסען געוואָרען צווישען דער ווייט-פערצווייגטער פאַמיליע פון דער מוטער'ס צד. אָבער די פערבינדונג מיט דעם זיידען ר' איטשע איז געווען זעהר שטאַרק. דער זיידע פלעגט אַלע מאָל בעזוכען די קינדער אין פלאָצק. און ר' שמואל-יוסף פלעגט אָפט פאָהרען מיט נחום'ן צום זיידען נאָך ווישאָגראָד, כדי צו הערען דעם זיידענס שיעור, און נאָכמעהר זיינע ערצעהלונגען פון גאַנצע דורות, פון פאָלקס-טראַדיציע און אייגענע טראַדיציעס, וועלכע האָבען זיך געצויגען דורך די גאַנצע געשיכטע פון די פוילישע אידען און האָבען געהאַט אַ מאַגנעטישע ווירקונג אויפ'ן קינד'ס געמיטה.

אין פלאָצק האָט נחום געלערנט ביי העכערע מלמדים, דאָס רוב אָבער ביים פאָטער. שוין קינדווייז, צום טייל דורכ'ן פאָטער, וואָס האָט אַליין געהאַט אַ נטיה צו חקירה, צום טייל דורך די מוטערליכע פאַמיליע, פון וועלכע עטליכע ליניעס זענען שוין געווען אייראָפעאיזירט, האָט נחום געלערנט ביי לעהרער און אַליין — אַלגעמיינע שול-געגענשטענדע, עטליכע שעה טעגליך. דער עיקר איז אָבער געווען — גמרא און פוסקים. תנ"ך איז נאָר געוואָרען געחזר'ט, דקדוק געלערנט פון „מכלול“. די התמדה זיינע איז געווען אָהן אַ שיעור. 15—16 שעה אין מעת-לעת איז געווען דאָס געוועהנליכע; אָפט איז מען אויף-געווען גאַנצע נעכט (מאָנטאָג און דאָנערשטאָג). פון עטליכע פאַמיליען-קרייזען און נאָך פון טייל קריסטליכע קרייזען, וועלכע האָבען גוט געקענט דעם קליינעם נחום'ן, האָט מען אָנגעהויבען צו קוועהלען ר' שמואל-יוסף'ן, ער זאָל איהם

אריינגעבען אין גימנאזיום. ס'זענען געווען דאן די אויפקלערונגס־צייטען פון דער רעגירונגס זייט, און די „בראטערסטווא", וועלכע איז נאך געבליבען פון יאהר 1864. דער קליינער נחום איז געווען א גאנצער ליעבלינג ביי דער דעמאלדיגע בעהערדען, אפילו דער גובערנאטאר באראן ווראנגעל האט ר' שמואל־יוסף'ן אריינגעזאגט דעות, און האט געוואלט א ו י ס ו י ר ק ע ן א ד ר ו ק אויף דעם „פאנאטישען ארטאדאקס". ר' שמואל־יוסף איז געבליבען פעסט אפילו געגען דעם גובערנאטאר, נאר אויף איין זאך האט ר' שמואל־יוסף מספים געווען: נחום זאל לערנען עטליכע שעה אין טאג ביי די גימנאזיום־פראפעסארען. דער קורס האט זיך אנגעהויבען. נחום האט געלערנט ביי מאסלאווסקי'ן, שולצ'ן, דעמביצקי'ן — גימנאזיום־געגענשטענדע, און פלעגט לויפען יעדען טאג פון שיעור צום פראפעסאר און פון פראפעסאר צום שיעור. נאך א געוויסער צייט, ווען ר' שמואל־יוסף האט איינגעזעהן, אז לענגער וועט ער איהם נישט צוריקהאלטען, ווייל ער איז געשטאנען פאר א עקזאמען, האט ער איהם פלוצלונג אוועקגעשיקט נאך ליובויטש צום ברודער ר' חיים־ישכר. ר' חיים־ישכר איז געווען דעם ליובויטשער רב'ס איידעם און אליין מוסמך לרבנות, אנ'אונגעהויערער בקי, און א קדוש וטהור פון אלטען טיפ (איצט איז ער א רב אין א קליין שטעדטעל אין פוילען — ער האט לאנג נישט געוואלט אננעהמען קיין רבנות, פרינציפיעל, אבער צום סוף האט ער דאך אנגענומען א קליין שטעדטעל, און האט נישט געוואלט הערען פון געהען אין גרעסערע שטעדט). ר' חיים־ישכר און זיין שוועהר ר' מ י כ א ל־ד ו ב, דער ליובויטשער רב, און די גאנצע רבני'שע פאמיליע האבען געהאט א גרויסע ווירקונג אויף נחום'ן. אין ליובויטש האט נחום געלערנט צוויי מאל, צו עטליכע זמנים — אין מיטען אויך אין סאמפאלנא, ביים ליובויטשער רב'ס א שוואגער, און א קורצע צייט אין קוטנא ביים גאון ר' יהושע און אין קויל — און האט דארט געשריבען חידושי־תורה. די איבער־פרומע, מתנגדי'שע ארטאדאקסיע האט אין דעם יונגען תלמודיסט ארויסגערופען א געוויסע רעאקציע און א נייגיעריגקייט צו חסידות. אין יענער צייט איז ער, געגען ווילען פון זיינע עלטערן, אין פערבינדונג מיט גרויסע חסידים, וועלכע האבען איהם זעהר געשעצט, געפאהרען קיין גער און נאך אנדערע חסיד'ישע רעזידענצען.

פון יענער צייט שטאמט זיינע אריגינעלע קענטעניס פון

חסידות. אין ליובאוויטש האָט נחום געענדיגט די אַרבע טורים און שלחן־ערוך'ס און איז געווען טעאָרעטיש פערטיג צו הוראה, מיט וועלכע זיין אָנקעל ר' חיים־ישכר איז שוין געווען בעשעפטיגט.

צוריקקומענדיג קיין פלאָצק האָט זיך ביי נחום'ן אויסגעבילדעט אַ בעזונדער מין השכלה פון זיינע גימנאַזיום־פאַרבערייטונגען, פון לומדות און חקירה. דעמאָלט איז ער אַריין אין השכלה, און האָט מיט זיינע חברים אַרויסגעגעבען אַ געשריבענע צייטונג „השושנה“, איבערזעצט „די רויבער“ און „מאַריאַ סטואַרט“ אויף העברעאיש, און אָנגעהויבען שיקען בריעף צום „המגיד“, „העברי“, צום סוף צו די „הצפירה“. אין עלטער פון 15 יאָהר איז נחום פערלאָבט געוואָרען מיט רבקה די טאָכטער פון ר' יצחק הירש סגל פון מאַקאָוו, און קוים 18 יאָהר אַלט האָט ער געהייראַטעט און זיך בעזעצט אין מאַקאָוו. דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין אייגענטליכע אַרבייטס־צייט.

די ריכטיגע סיסטעמאַטישע בילדונגס־אַרבייט איבער זיך אַליין איז געפאַלען אין די מאַקאָווער פעריאָדע. אין קליינעם רוהיגען שטעדטעל, אין גוטע מאַטעריעלע פערהעלטנישען, מיט אַ אינטעליגענטע, ליעבענדע פרוי, האָט נחום סאָקאָלאָוו זיך פערנומען מיט זעלבסט־בילדונג, געזאַמעלט פיעל, פיעל ביכער, אויסגעשריבען פיעל צייטשריפטען, און געאַרבייט מיט אַזאַ פלייס, אַז נאָך עטליכע יאָהר אָנשטרענגונג, איז זיין פון דער נאַטור געזונטער און יונגער אָרגאַניזם אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, דאָס ער האָט זיך געמוזט פערנעהמען אַ געוויסע צייט מיט קוראַציע. פון קליינעם שטעדטעל האָט סאָקאָלאָוו געפיהרט אַ אונגעהויערע קאָרעספאָנדענץ מיט די גאַנצע וועלט. דאָרט איז ער געוואָרען מיטגליעד־קאָרעספאָנדענט פון דער חברה „מרבי השכלה“ אין פעטערבורג, און האָט גאָראָנען, וועלכער איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר, געשיקט מאַסען פראָיעקטען און רעפעראַטען. פון דאָרט איז ער אַריינגעטראָטען אין די דעמאָלטיגע „אַליאַנס איזראַעליט“ (אין די ביולעטענעם פון יענער צייט האָט שטענדיג פיגורירט איין מיטגליעד פון מאַקאָוו) און האָט געשיקט דער „אַליאַנס“ פיעל בעריכטען, וועלכע געפינען זיך איצט אין די אַרכיווען, און צוליעב וועלכע צדוק כהן און איזידאָר לעוו זענען געווען די ערשטע מערב־איראָפעאישע גרויסע פריינד פון סאָקאָלאָוו'ן. און, דער עיקר, פון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען, איבער 30 יאָהר צוריק, זיין פיעלזייטיגע שריפטשטעלע־

רישע טהעטיגקייט, וועלכע קיין שום ביבליאָגראַפיע קאָן גאָר נישט אַרומנעהמען. אין מאַקאָוו גופא האָט סאָקאָלאָוו געהאַט אַ קליינעם קרייז פון אינטעליגענטע בעקאַנטע. ער האָט זעהר פיעל פער־קעהרט מיט אַ דאָרטיגע פערזענליכקייט, ר׳ אברהם־יוסף ראָזענ־טהאַל, דעם מאַקאָווער מגיד׳ס אַנ׳אייניקעל, אַ טיפ עהנליך צו זיין זיידען ר׳ איטשע, פון די אַלטע גרויסע לומדים, און דערצו אַ טיע־פער ערנסטער משכיל מיט אַ שטאַרקע נטיה צו פוילישע קולטור. ער האָט דאָרט אויך געהאַט בעקאַנטשאַפט אין פוילישען אַדעל פון דער אומגעגענד. פון צייט צו צייט פלעגט ער אָבפאָהרען פון מאַקאָוו נאָך וואַרשא און אויך נאָך בערלין, וואו ער איז צום ערשטען מאָל בעקאַנט געוואָרען מיט אַברהם גייגער, מיט פינחס פראַנקעל, מיט הילדעסהיימער און נאָך פיעל אַנדערע.

אין מאַקאָוו האָט סאָקאָלאָוו פערפאַסט דעם ספר:

„מצוקי ארץ“ או ידיעת הגיאוגרפיה הטבעית, וואַרשא תרל״ח, בעאַרבייט נאָך ענגלישע קוועלען. דאָס איז געוועזען מעהר אַ שפראַך־אַרבייט. סאָקאָלאָוו האָט אין דער אַרבייט העב־רעאיזירט אַ גאַנצע מאַסע וויסענשאַפטליכע בעגריפען.

דאָרט האָט אויך סאָקאָלאָוו פערפאַסט זיין:

„שנאת עולם לעם עולם“, וועלכער איז ערשינען אין וואַרשא אין יאָהר תרמ״ב — אַ היסטאָרישע אַרבייט, ספּעציעל וועגען אידישע געשיכטע אין פוילען, מיט וועלכע סאָקאָלאָוו בעשעפטיגט זיך שטענדיג.

אָבער די הויפּט־אַרבייט סאָקאָלאָוו׳ס איז דעמאָלט געוועזען פאַר די „הצפירה“, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פערבינדונג נאָך פון פלאָצק אָן — ידיעות העולם והטבע, אָדער פאַר די אַנ־דערע צייטונגען — פובליציסטיק.

ער האָט דעמאָלט געשריבען אין „המגיד“ אַ גאַנצע אָב־האַנדלונג, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ באַנד, אַ יאָהרס־איבער־זיכט איבער אַלע אידישע פראַגען. ער האָט אויך געשריבען אָהן אונטערשריפט, למשל: אַ גאַנץ ווערק „לתורה ולתעודה“, וואָס האָט זיך געצויגען אין המשכים אַ לאַנגע צייט, און האָט געמאַכט דערמיט אַ גרויסען רושם.

דעם „המליץ“ האָט ער געשיקט זעלטען עטליכע קליינינ־קייטען, אַ מאַסע אַרטיקלען האָט ער געשיקט דעם „הקול“ אין קעניגסבערג. דאָרט האָט ער געפיהרט אַ לאַנגע פּאָלעמיק מיט די

ערשטע השכלה-שריפטשטעלער פון יענער צייט, ליליענבלום'ס „קהל רפאים" און „חטאת נעורים" זענען ניט געווען נאך זיין געשמאק. ער האט געשטרעבט" לויט זיין גאנצער ארט און זיין ערציהונג, וועלכע איז געווען פיעל אנדערש ווי די ערציהונג פון אנדערע משכילים, צו אנ'אנדער מין השכלה. אין א צייט ארום האט ער געשריבען א גאנצע רייהע פובליציסטישע ארטיקלען אין „הקול", וועלכע פערדיענען אמאל צו אויפגענומען ווערען אין איין אויסגאבע פון סאקאלאוו'ס שריפטען.

סאקאלאוו האט שוין דעמאלט פון מאקאוו געשריבען אויך אין אנדערע שפראכען: אין דייטש — אין ראהמער'ס ליטעראטור-צייטונג. ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט געשריבען „איבער ניי-העברעאישע ליטעראטור". ער פלעגט אויך צושיקען בעריכטען צו די „צייטונג דעס יודענטומס", וועלכע איז דעמאלט ערשיענען אין באן, און פראנצויזיש — אין „ארכיוו איזראעליט".

נאכ'ן רוסיש-טערקישען קריעג האט זיך סאקאלאוו בעזעצט אין ווארשא, ער האט שוין פראיעקטירט זיך צו ווידמען צו רעדאקציאנס-ארבייט, און נאך פון מאקאוו האט ער געזאלט איבערנעהמען פין'ס „הכרמל החדשי" (וואו עס זענען אויך פאראן ארטיקלען פון סאקאלאוו). ער האט אויך אמאל געמאכט א רייזע קיין ווילנא, און האט אונטערהאנדעלט מיט פין'ען, מיט וועלכען ער איז געווען זעהר בעפריינדעט און געשטאנען אין קארעספאנדענץ. דורך פארמאלע סבות איז דערפון נישט געווארען. אין ווארשא האט זיך דערנייערט דאס פערהעלטניס צו דער „הצפירה". סאקאלאוו איז נאך אין אנפאנג געווען פערנומען מיט פערשיעדענע פלענער. ער האט פיעל געלערנט, בעזוכט פיעל פארטראגען, א דאנק די מאטעריעלע מיטלען, וועלכע ער האט נאך דעמאלט געהאט. בעקאנטע און פריינד האבען איהם געצויגען צו פערשיעדענע לעבענס-קאריערען. מען האט מיט איהם אונטערהאנדעלט וועגען טעאלאגישע אויסבילדונג, עס האט איהם אבער נישט געצויגען. איינמאל האט איהם זאגאר די בעקאנטע פאמיליע מיזעס און בערנשטיין בעוואגען צו קומען נאך לעמבערג און געוואלט דארט אנגאזשירען אלס פרעדיגער, ער האט דאס אבער נישט אקצעפטירט. ער איז געשטאנען דורך די פוילישע קענטניסע נאהענט צו די פוילישע ליטעראטור, און האט שוין דעמאלט געשריבען אין „איזראעליטא"; א קורצע צייט האט ער זאגאר א דאנק זיינע שפראכ-

קענטניסע געארבייט אלס סעקרעטאר-קארעספאנדענט אין שפאנישען קאנסולאט (דער קאנסול איז געוועזען א איד, און בעפריינדעט מיט ס.). דערנאך, אזוי ווי ער האט נאך געהאט עטוואס קאפיטאל, האט איהם א בעקאנטער סוחר פארגעשלאגען צו מאכען מיט איהם א פראבע צו בעציהען בוכארישע בוימוואל פאר די פוילישע אינדוסטריע, און ס. האט מיט איהם געמאכט א לאנגע רייזע איבער גאנץ רוסלאנד ביז באקו, ווייל דער פלאן איז איהם פארגעקומען אינטערעסאנט און ראמאנטיש. דאס זענען אלץ געוועזען הכנות און פראיעקטען, וועלכע האבען סאקאלאוו'ן געגעבען די געלעגענהייט שוין אלס גאנץ יונגער מענש זעהר פיעל צו רייזען און צו בעטראכטען און בעקאנט צו ווערען מיט אלע סארטען מענשען און פארטייען, נאציאנען און פרנסות. אבער אין עיקר איז ער געוועזען ענטשלאסען זיך צו ווידמען נור צו ליטעראטור. און קיין שום איינדרוק און קיין שום פריינדשאפט האט איהם נישט געקאנט דערווייטערן פון זיין לעבענס-ציעל. פערקעהרט! די אלע נעבענבעשעפטיגונגען און די אלע פראיעקטען האבען נאר בערייכערט זיינע נסיונות און האבען איהם געגעבען מאטעריאל. פון זיין רוסישע רייזע איז געווארען א „מסע ברוסיה הפנימית“, א לאנגע סעריע פון רייזע-בריף, וואס האט זיך געדרוקט אין „הצפירה“ תרמ"ד אדער תרמ"ה (דאס זענען געוועזען די ערשטע ארבייטען פון דעם בעזונדערען חלק אין אונזער ליטעראטור: רייזע-איינדריקע, אין וועלכע סאקאלאוו איז פיללייכט דער ערשטער), אין די לעמבערגער רייזע האט איהם געגעבען בעקאנטשאפט מיט גאליציע פאר 30 יאהר, וועלכע ער האט פערווערטעט אין פעליעטאנען. אפילו די קורצע צייט פון זיין קארעספאנדענץ אין שפאנישען קאנסולאט איז צונוץ געקומען דערנאך סאקאלאוו'ן, דעם טעגליכען דברי-הימים-פערפאסער און קענער פון פאליטישען לעבען.

אין תר"מ איז סאקאלאוו אריינגעטראטען אלס מיטארבייטער אין דער „הצפירה“. פון דאן אן קאן מען רעכענען די אייגענטליכע פעריאדע פון סאקאלאוו'ס שריפטשטעלערישע ארבייט.

אין דער מאסע פון ביאגראפישען און ביבליאגראפישען מאטעריאל קאן מען זיך אריענטירען נור דורך פאלגענדע איינטיילונג:

I) סאקאלאוו אלס הויפט-מיטארבייטער און רעדאקטאר פון „הצפירה“.

II) סאָקאָלאָוו אַלס אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון „האסיף“ (תרמ“ה—תרנ“ו) און „ספר השנה“.

III) אַלס העברעאישער שריפטשטעלער אין אַלגעמיין.

IV) אַלס שריפטשטעלער און זשורנאַליסט אין אַנדערע שפּראַכען.

V) אַלס פּעדאַגאָג און רעדנער.

VI) אַלס כלל-טהוער און ציוניסטישער פיהרער.

צום פּונקט I. מיט דער „הצפירה“ איז ס. פערבונדען זייט תר“מ, ד. ה. 32 יאָהר. ביז תרנ“ד — אַלס הויפט-מיטאַרבייטער, פון דאַן און ווייטער אַלס רעדאַקטאָר צוזאַמען מיט סלאָנימסקי'ן, און פון סלאָנימסקי'ס טויט — אַלס איינציגער רעדאַקטאָר. אין די ערשטע יאָהרען האָט סאָקאָלאָוו אונטערגעשריבען נור זיין „הצופה לבית ישראל“, דאַן האָט ער אויפגעהערט אויך דעם „הצופה“ צו אונטערשרייבען. געשריבען האָט ער כמעט די גאַנצע „הצפירה“: „דברי הימים“ שטענדיג, פיעל רעצענזיעס אָהן אונטערשריפט, אָפט אויך אַנדערע רובריקען.

צוליעב געוויסע סבות, האָט ס. ערשט נאָך אַ רייהע פון יאָהרען אָנגעהויבען אַ טייל פון זיינע אַרטיקלען אונטערצושרייבען מיט זיינע ראשי תיבות נ. ס.

אויסרעכנען, וויפיעל סאָקאָלאָוו האָט געשריבען אין דער „הצפירה“, איז אונמעגליך. געוויס, וואָלט מען געקאָנט אַפילו פון אַ טייל דערפון מאַכען אַ סך טאָמען. דער „הצופה“ איז געווען יאָהרענלאַנג אַ פעסטע רובריק, און האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף די לעזער. די „דברי-הימים“ זענען געווען צעהנדליגע יאָהרען די טאָג-לעקציע פון העברעאישען לעזער. וויפיעל ווערטער, ווענדונגען, שפּראַך-פאָרמען ס. האָט אויפגעטהון — לאָזט זיך נישט בערעכנען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען די פעריאָדע פון די סעריעס: די „לוחות ושברי לוחות“, די „לכו נא ונוכחה“ — בעלעטריסטיק און פובליציסטיק. דערנאָך האָט ס. צוגעגעבען אימער נייע רובריקען: איינגענע אָריגינעלע ערצעהלונגען, די אונפערגלייכליכע „א י ש י ם“ און צום סוף דעם „מ ש ב ת ל ש ב ת“ — וואָכענפעליעטאָן.

וועגען די דאָזיגע „הצפירה“-אַרבייט, וואָלט מען געברויכט שרייבען אַ בעזונדערע מאָנאָגראַפיע. דאָס איז אַ ט י י ל פון סאָקאָלאָוו'ס לעבענס-אַרבייט, אָבער נור אַ טייל.

צו פונקט II. אין יאָהר תרמ"ה האָט סאָקאָלאָוו געגרינדעט דאָס יאָהר־בוך „האסיף", און האָט אַרויסגעגעבען זעקס אונגעהויערע גרויסע און וויכטיגע יאָהרגענגע, עכטע מאָנומענטען פון העברעאישע ליטעראַטור! ס'איז וואַהרשיינליך, אַז דער „האסיף" האָט מיטגורם געווען צו די גאַנצע נייַע העברעאישע בעוועגונג. דער „האסיף" איז פערברייטעט געווען מעהר ווי אַלע העברעאישע ביכער. אַ באַנד פון 50—60 בויגען (דער צווייטער „האסיף" מיט דער פרעמיע האָט געהאַלטען 67 דרוקבויגען!) איז פערקויפט געוואָרען פאַר אַ רובל מיט קאָפּיקעס, און עס איז אַרויס 1000—1100 עקזעמפּלאַרען. פון פערדיענען און מאַטעריעלע אינטערעסען האָט נישט געקאָנט זייַן קיין רעד; אָבער דאָס איז געווען דער יסוד פון אַ נייַע אָנרעגונג צו שאַפען ליטעראַטור און צייַטונגען, און דאָס איז געווען איינע פון סאָקאָלאָוו'ס היסטאָרישע פערדיענסטען. דער ערפאָלג פון „האסיף" האָט געפיהרט צו גרינדען דעם „כנסת ישראל", דאָס ערשטע טאָגבלאַט אין העברעאיש „היום", די „כנסת־הגדולה", דעם „אוצר־הספרות" אין גאַליציע און נאָך. חוץ סאָקאָלאָוו'ס היסטאָרישע פערדיענסטען אַלס אַרויסגעבער, האָט ער אויפגעוועקט נייַע, פריהער נישט בעקאַנטע, ליטעראַרישע כחות, און האָט געמאַכט גאָר נייַע פערבינדונגען צווישען די אידישע געלעהרטע פון די גאַנצע וועלט, וועלכע האָבען געשריבען אין „האסיף", דאָס רוב העברעאיש, טייל אויך אין אַנדערע שפּראַכען, וועלכע ס. האָט איבערזעצט אַליין אין העברעאיש. ס. אַליין האָט געשריבען אין איטליכען באַנד די פובליציסטישע אַרטיקלען, און אויך אידיש־וויסענשאַפטליכע. אין איינעם פון די בענדער געפינט זיך זייַן איינציגע גרעסערע תלמודישע אַרבייַט „שמואל ושיטתו בכל הש"ס", אין וועלכע מיר זעהען ס. מיט די רעזולטאַטען פון זייַנע פריהערדיגע תלמודישע שטודיען. אָבער די הויפּט־אַרבייַט פון ס. אַלס ליטעראַט אין „האסיף" איז בעשטאַנען אין ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ר ע צ ע נ ז י ע ס. ס. אַלס קריטיקער, בעזונדערס אַלס קונסט־קריטיקער, האָט אין גרויסע און ערנסטע אָבהאַנדלונגען אין „האסיף" געליפערט די ערשטע אַרבייַטען. דערנאָך האָט ס. געגרינדעט דעם „ספר השנה", און אין די בענדער פון „ספר השנה" געפינען מיר שוין חוץ פובליציסטיק דעם אָנפאַנג פון סאָקאָלאָוו'ס בעלעטריסטישע סקיצען — קליינע נאָוועלען.

צום פונקט III. אַלס העברעאישער שריפטשטעלער אין אַל־

געמיין, איז סאקאלאוו'ס טהעטיגקייט אויסגעשפּרייט כמעט איבער אלע פארמען פון ליטעראטור. אלס זשורנאליסט און פובליציסט האט סאקאלאוו געשריבען פיעל טויזענדער ארטיקלען אין דער „הצפירה" און אין אלע העבּרעאישע צייטונגען פון „המגיד" ביז „השלח". חוץ דעם איז סאקאלאוו א פעליעטאניסט מיט אנ'אייגענער פארם, מיט אנ'אייגענעם הומאר, און די זייט פון זיין ארבייט נעהמט־איין א גרויסען טייל פון זיין שרייבען. סאקאלאוו פערנעהמט זיך זייט אנ'ערך 15 יאהר מיט בעלעטריסטיק, אין קליינע נאוועלען און גרעסערע ערצעהלונגען, צווישען וועלכע דער „מגבורי ישראל" ווערט געהאלטען אלס מייסטערווערק. צו איינע פון זיינע ספּעציאליטעטען געהערט דאס עססעי, די ביאגראפיע, די פּראזא־דיכטונג, די ראפּסאדיע, די ליטעראַרישע קונסט־קריטיק. טייל מבינים האלטען די לעצטע קאטעגאריע אלס איינע פון די וויכטיגסטע טיילען אין סאקאלאוו'ס ארבייט, נעבען דעם איז איבערזעצונג — א נעבענבעשעפטיגונג, כלאחר־יד (למשל, דער אנפאנג פון גרעץ'ס געשיכטע, זיממעל וועגען קאנט, זאלא'ס א ערצעהלונג, א ערצעהלונג פון הערצל, און פיעל אנדערע). אם ריכטיגסטען איז: ס. נישט צו בעצייכנען מיט א קליינע עטיקעטע פון איין געביעט, נאר אלס שריפטשטעלער אין אלגעמיין. דאס איז זיין גרעסטער טיטעל און זיין ריכטיגסטע בעצייכנונג.

סאקאלאוו'ס ווערק אויסרעכענען ביבליאגראפיש איז זעהר שווער. מען קאן רעכנען: מצוקי ארץ, צדיק ונשגב (א קליינע ערצעהלונג נאך פיליפּזאהן), שנאת עולם לעם עולם, פראנק ועדתו, ארץ חמדה, א גרויסער טייל פון קארפּעלעס „תולדות ספרות ישראל", די נישט געענדיגטע ערצעהלונג „מגבורי ישראל", דעם „למרנן ורבנן", דעם „תוכן הציונות" און נאך פיעל אנדערע.

אין תרס"ה האט סאקאלאוו געגרינדעט דעם „העולם" אין קעלן—בערלין, און האט איהם די ערשטע צייט רעדאגירט, און געשריבען אין איהם פיעל מאמרים און פעליעטאנען.

צום פונקט IV. אין אנדערע שפראכען האט ס. געשריבען זעהר פיעל דייטש, ענגליש, און מעהר פון אלץ — פויליש. אין יאהר 1899 האט ער זיך בעטייליגט אין „איזראעליטא" מיט לייטארטיקלען און וועכענטליכע פעליעטאנס, פון וועלכע מען וואלט געקאנט צוזאמענשטעלען גרויסע בענדער. נאך פעלטינס טויט האט ער געפיהרט די רעדאקציע, און האט נאך מעהר געשריבען אין

אלע רובריקען פובליציסטיק און עססעים, וועלכע זענען געוועזען זעהר פאפולער אין ווארשא, ער איז אין יענע צייט געוועזען זעהר פערנומען מיט די פוילישע שרייבערי. זיין פוילישער סטיל איז געוועזען זעהר עהנליך דעם העברעאישען: אונגעהויער רייך, שטארק, און אין יעדער שורה האט מען געקאנט דערקענען, ווער עס שרייבט. ער האט געשריבען יאהרענלאנג וועכענטליכע פעליעטאנען און כמעט אין יעדער נומער א לייט=ארטיקעל. עס איז ניט געוועזען איין פראגע אין אידישען לעבען אין פוילען, אין ווארשאווער געמיינדע=ענינים, אין דער פערוויקעלטער פראגע פון דעם פערהעלטניס צום לאנד, נישט איין פאלעמיק, נישט איין ערשיינונג אין דער פוילישער ליטעראטור, וועגען וועלכע סאקאלאוו זאל זיך נישט ארויסזאגען. ווי אונפערמיידליך, האט ער חוץ גרויסע פאפולאריטעט און א מאסע פערעהרער אויפגעוועקט געגען זיך אויך שנאה אדער קנאה, בעליידיגטע זשורנאליסטען האבען אים אפט אטאקירט און זיך בענוצט מיט דער אנטיסעמיטישער פרעסע, מען האט אויסגעטראכט בלבולים, אז אין „איזראעליטא" איז ער נישט אזוי נאציאנאל, ווי אין העברעאיש. ס'איז לייכט צו פערשטעהן, אז ביי אזא פיעלזייטיגען, לעבעדיגען שריפטשטעלער, ווי סאקאלאוו, וועלכער, ווי פרינציפיעל ער זאל אויך זיין, איז אליין אויך א מענש פון ענטוויקלונג, פון נסיונות, קאן מען געפינען, אז זיין גייסט געהט פריי און שפיעגעלט אב געטריי זיינע אינערע ערפאהרונגען און דורכלעבונגען. אבער אין תוך איז סאקאלאוו שטענדיג דער זעלבער, און זיין שריפטשטעלערישע ארבייט טראגט אין אלע שפראכען דעמזעלבען שטעמפעל, נור אין פערשיעדענע פארמען. א ריכטיגער ביאגראף פון סאקאלאוו'ן, וועלכער וועט וועלען געבען א גאנץ בילד, מוז נעהמען און לעזען סאקאלאוו'ס פוילישע שריפטען. וועגען די טענדענץ איז אויך סופו מוכיח על תחלתו. די אסימילאציע, וועלכע ער האט שטענדיג בעקעמפפט — אין אנדערע פארמען, פון זיינע מאמרים אין „הקול" און אין „כרמל" געגען די אויבערפלעכליכע משכילים=טענדענץ ביז צו זיין ערנסטען „יהי אור" אין ערשטען „האסיף", וועלכען מען קאן נאך היינט בעטראכטען אלס נאציאנאל=פראגראם און ביז צום „למרנן ורבנן" ציהט זיך איין ליניע, און דיזעלבע איז אויך אין די פוילישע שריפטען ביז צו די שארפע לייט=ארטיקלען, וועלכע האבען אויפגערייצט די אסימילאציע.

די נאציאנאלע ריכטונג סאקאלאוו'ס האט צום סוף ארויס=

גערופֿען רײַבונגען צװישען איהם און די װאַרשאװער אַסימילאַטאָרען, און ס. איז אַרױסגעטראָטען פֿון „איזראַעליטאַ".

ער האָט אױך אין פּױליש געשריבען פֿיל היסטאָרישע אָבהאַנדלונגען װעגען דער געשיכטע פֿון אידען אין פּױלען, אַ געגענשטאַנד, װעגען װעלכען ער אַרבײַט און זאַמעלט שטענדיג מאַטעריאַל.

עס איז אױך ערשינען פֿון איהם אַ קורצעס װערק אין פּױליש (1900) װעגען די „אױפֿגאַבען פֿון דער אידישער אינטעליגענץ", װעלכעס איז איבערזעצט געװאָרען אױף דײַטש און אונגאַריש. חוץ „איזראַעליטאַ" איז ס. עטליכע יאָהר געװען אַ הױפּטמיטאַרבײַטער פֿון „װסחאָד" אין לעמבערג, ער האָט אױך געשריבען אין די אַלגעמײנע פּױלישע פּרעסע. אין 1903 האָט די גרעסטע װאַרשאװער צײַטונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" געמאַכט אַ בעזונדערע רובריק פֿאַר סאָקאָלאָװ'ס גרױסע אַרטיקלען װעגען די נאַציאָנאַלע אידישע פֿראַגע, װעלכע זענען ערשינען אַ געװיסע צײַט.

ענגליש האָט ס. געשריבען פֿון לאַנג אָן אין „דזש. קראָניקל" און אין אַלגעמײנע צײַטונגען. אין 1906, איז ס. געװען אַ גאַנץ יאָהר אין לאָנדאָן, און אין יענער צײַט האָבען זיך געדרוקט הונדערטער פֿעליעטאָנען און אַרטיקלען פֿון איהם אין די ענגלישע צײַטונגען. פֿון די אַרבײַטען איז װערטה צו מאַכען אַ בעזונדערע זאַמלונג.

חוץ די בריעף אין „אַרכיװ איזראַעליט" האָט ס. געשריבען פֿיעל פֿראַנצױזישע רעפֿעראַטען אין אידישע אַנגעלעגענהײַטען.

אין אידיש זענען אױך פֿאַראַן שריפֿטען, װעלכע ס. האָט געשריבען אין זײַן ספּעציעלען אידישען סטיל. אַ טײל איז געזאַמעלט און ערשינען, אַ טײל זאָל נאָך געזאַמעלט װערען.

אױך אין פּעטערבורגער „ראַסװיעט" זענען אין די לעצטע יאָהרען געדרוקט געװאָרען פֿיעל פֿעליעטאָנען, סקיצען און ביאָגראַפֿיען פֿון ס.

צום פּונקט V. אַלס פּעדאַגאָג איז ס. געװען טהעטיג אין 1890—91 יאָהרען בײַ די רעליגיאָנס־שול אין די סינאַגאָגע, װאו ער האָט געלעזען קורסען פֿון אידישע געשיכטע. דערנאָך אין לױף פֿון פֿיעל יאָהרען אין קלײנע קרײַזען מיט פֿאָרטראַגען און רעפֿעראַטען. אין די לעצטע יאָהרען איז סאָקאָלאָװ'ס טהעטיגקײַט אַלס רעדנער און אַלס פֿאָרטראַגער פֿערברײַטעט איבער גאַנץ אײראָפּאַ.

פון 1900 זעהען מיר און הערען איהם איבעראַל וואו אידען וואָהנען: אין לאָנדאָן און אין נעאַפּאָל, אין פּעטערבורג און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין קראַקאָ און אין קעלן, אין בערלין און אין רומעניע געהערען סאָקאָלאָוו'ס פּאָרטרעגע צום אידישען גייסטיגען לעבען. און אויך די רעדעס און די פּאָרטראַגען נעהמען־אַרום דעם גאַנצען רעפּערטואַר פון אידישען לעבען, אַלע געביעטען פון ליטעראַטור און קונסט, אַלע טאָג־פראַגען, און אויך גאַנצע ציקלען פון געשיכטע. וועגען סאָקאָלאָוו'ן אַלס העברעאישען רעדנער איז כדאי צו שרייבען אַ בעזונדער מאָנאָגראַפיע.

ס. איז געווען דער ערשטער העברעאישער רעדנער אויפ'ן מינסקער צוזאַמענפאָהר, און פון דעמאָלט־אָן וואַקסט ער און עס וואַקסט מיט איהם דאָס העברעאיש רעדען, ביז ער האָט עס איינגעפיהרט אויפ'ן ציוניסטען־קאָנגרעס.

סאָקאָלאָוו איז טראָץ זיין פיעלזייטיגקייט אַ מענש פון איין אידעע, פון איין צוועק, פון איין אינהאַלט. ער איז בעקאַנט אין פיעל לענדער און אַלס רעדנער אין פיעל שפּראַכען. אָבער זיין צענטר איז העברעאיש, און דער גייסט פון דער שפּראַך פיהרט איהם איבעראַל. ס. איז די ריכטיגע שפּיעגעלבילד פון אידענטום מיט אַלע קולטורען און מיט זיין אייגענע קולטור.

צום פּונקט VI. אַלס כלל־טהוער איז ס. געווען אין לויף פון פיעל יאָהרען איינער פון די צענטראַלע פיגורען פון אידישען ווארשא. אַלס אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון „הצפירה", אַלס רעדאַקטאָר פון „איזראַעליטאַ", אַלס רעדנער, אַלס פּאָליטיקער און בעל־נסיון איז ס. געווען כמעט אין אַלע קאָמיטעטען, ביי די גרינדונג און פיהרונג פון כמעט אַלע אַנשטאַלטען, און אין לויף פון יאָהרען האָט ער מיטגעגרינדעט אַ סך נוצליכע איינריכטונגען. און עס איז פון שטענדיג אָן געווען אַ געהיימנים, און מען האָט אימער געפרעגט אין ווארשא, וואו נעהמט ס. צייט אויף אַלץ? ווען שרייבט ער? ווען לעזט ער? און ער לעזט דאָך און לערנט דאָך, אָהן אַנ־אויפהער!

חוץ דעם איז זיין סאַלאָן געווען דער מיטעלפּונקט פאַר די אידישע אינטעליגענץ אין יענע יאָהרען, ווען דער פירוד צווישען אַסימילאַטאָרען און נאַציאָנאַליסטען איז נאָך נישט געווען אַזוי גרויס, און אויך שפּעטער. פון דעם צענטר האָט געשטראַהלט דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען. פון ערשטען קאָנגרעס אָן איז סאָקאָלאָוו

אריינגעטראטען בלב ונפש אין די ציוניסטישע בעוועגונג, דאן איז אריינגעטראטען דער פירוד מיט די פריהערדיגע נאהענטע פארטייען, און פון 1897 הויבט זיך אן זיין ציוניסטישע טהעטיגקייט, טאג פאר טאג.

ס. געהערט נישט צו די, וואס זענען ערשט דורך ציוניזם בעקאנט געווארען אין אידישען פאלק. מען מוז זאגען דעם אמת, אז אין ווארשא גופא איז סאקאלאוו'ס פאפולאריטעט, בפרט אין די אינטעליגענטישע קרייזען, געווען פיעל גרעסער פריהער, ווייל, ווי געוועהנליך, האט געמוזט זיך מאכען פיעל סכסוכים און רוגז. מען האט קיין מענשען נישט אזוי פיעל אטאקירט אין דער פרעסע מיט זידלערייען, בעשולדיגונגען, און קיינער האט נישט געהאט אזוי פיעל צו ליידען פון פאלעמיק און פון מסירות און לשון־הרע, ווי ס. עס האט אויך קיינער נישט אזוי פיעל געארבייט צו בעשאפען די ציוניסטישע בעוועגונג אין רוסלאנד, בפרט אין פוילען, צווישען די העברעאישע לעזער, ווי ס. ווער עס געדענקט די ערשטע יאהרען, ווען ס. פלעגט האלטען די גרעסטע רעדעס אויף די פערזאמלונגען, ארומרייזען, וועקען בעגייסטערונג, דיספוטירען און אויפקלערען, דער ווייסט, אז די ענטוויקלונג און פארברייטונג פון די ציוניסטישע אידעע, דאס וואס האט מעגליך געמאכט צו גרינדען ציוניסטישע אינסטיטוטען, איז פערקניפט מיט דעם נאמען סאקאלאוו. מען קאן נישט בעשרייבען, וויפיעל צייט און וויפיעל כחות ס. האט געווידמעט, וויפיעל קרבנות ער האט געבראכט דער ציוניסטישער בעוועגונג, חוץ זיין פראפאגאנדע אין „הצפירה", דורך פערזענליכען איינפלוס מיט בעמיהונגען און אנשטרענגונגען איבער די מענשליכע קרעפטען. דא האט ער געארבייט אלע וואך אין זיין איגענעם „סאלאן", וואו עס פלעגען נאך קומען, צוליעב אלטע פריינדשאפט, די אנגעזעהענע פארשטעהער פון דער אסימילירטער אינטעליגענץ צוזאמען מיט נאציאנאליסטען און ציוניסטען, דארט האט ער געארבייט צווישען סטודענטען, ווייטער — אויף פאלקספערזאמלונגען, אדער גערייזט אין פראווינץ א. ז. וו. ער האט ניט דורכגעלאזט קיין איין קאנגרעס, כמעט נישט איין קאנפערענץ. ער איז געשטאנען אין הערצליכע פערבינדונגען מיט הערצל'ן און איז אין זעלטען־פריינדליכע בעציהונגען מיט נארדוי און מיט אלע ציוניסטישע פיהרער. קיין מענש קאן נישט זיין אזוי פערטרויט אין אלע פרטים פון דער געשיכטע פון ציוניזם, ווי ס. בעפאר די

„הצפירה“ איז דורך די בעקאַנטע סבות נפסק געוואָרען, אין יענע צייטען איז ס. געוועזען אין פּעטערבורג, האָט זיך בעטייליגט אין די קאָמיסיע פון סענאַטאָר קאָבעקאָ וועגען די רעפאָרם פון צענזור, און האָט זיך שטאַרק פערנומען מיט די אידען־פראַגע. די אונטערברעכונג פון „הצפירה“ האָט איהם געפיהרט קיין אויסלאַנד, און נאָך אַ גאַנץ יאָהר פון זשורנאַליסטישע אַרבייט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט געהאַט די גרעסטע פערבינדונגען, איז ער געבליבען אין קעלן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

צו יענער עפּאָכע געהערט סאָקאָלאָוו'ס אַרבייט אַלס פריערער רעדאַקטאָר און שרייבער אין דער „וועלט“. דאָס איז ווידער אַ בעזונדער קאַפּיטעל, וואָס וואָלט ווערט געוועזען דעריבער צו שרייבען אַ בעזונדערע אָבהאַנדלונג. סאָקאָלאָוו איז, ווי בעקאַנט, געוועזען פון די אינטימסטע ציוניסטישע פריינד פון הערצל. אין ערשטען אָדער צווייטען יאָהרגאַנג האָט סאָקאָלאָוו געשריבען אַרטיקלען וועגען אידען אין פּוילען אונטער דעם פסעוודאָנים „בן עזרא“, וועלכע הערצל האָט זעהר הויך געשעצט. ער פלעגט אויך אַמאָל שרייבען אַ פעליעטאָן. בעקאַנט איז די ביאָגראַפיע פון י. ג. בלאָך פון סאָקאָלאָוו'ס פעדער אין דער „וועלט“. י. ג. בלאָך איז געוועזען בעקאַנט מיט הערצל, און ס. האָט איהם אויך זעהר גרינדליך געקענט. די ביאָגראַפיע איז געשריבען אין אַזאַ שטייגער ווי די „אישים“. אין די יאָהרען, ווען סאָקאָלאָוו איז געוועזען אין קעלן, האָט ער ענטוויקעלט אַ גרויסע ליטעראַרישע אַרבייט אין דער „וועלט“. ער האָט געשריבען הונדערטער אָבהאַנדלונגען, לייט־אַרטיקלען, נאָוועלען, קריטיקען, פון וועלכע מען קאָן צוזאַמענשטעלען אַ בעזונדערע זאַמלונג. פון די ציוניסטישע פּראָגראַם־אַרטיקלען און לייטאַרטיקלען אַליין, איז אויך לייכט צוזאַמענצושטעלען אַ זאַמלונג פיעל גרעסער ווי די זאַמלונגען פון אַנדערע ציוניסטישע שריפטשטעלער.

אין 1909 איז סאָקאָלאָוו געוועזען אַ גאַנצען זומער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט דאָרט מיטגעהאָלפען גרינדען אַ ציוניסטישע פּרעסע. אויך דאָרט האָט ער פיעל געשריבען.

ביים לעצטען קאָנגרעס פון 1911 איז סאָקאָלאָוו געוועהלט געוואָרען אין ענגערען אַקציאָנס־קאָמיטעט.

אין יאָהר תרס"ד איז געפייערט געוואָרען דער 25־יאָהריגער

יובילעאום פון זיין ליטערארישער טהעטיגקייט, און צום אנדענקען איז דאן ארויסגעגעבען געווארען דורך א קאמיטעט צוויי וויכטיגע ספרים: 1) „כתבים נבחרים“ — ד. ה. אויסגעוועהלטע שריפטען, וועלכע סאקאלאוו האט זעלבסט געשריבען; 2) „ספר-היובל“, אין וועלכען עס האבען אנטייל-גענומען די גרעסטע אידישע געלעהרטע שריפטשטעלער.

צום יובילעאום-טאג זענען אנגעפאהרען פיעל פארשטעהער פון פערשיעדענע חברות און פעראיינען צו בעגריסען דעם בעל-היובל. אויך זענען געשיקט-געווארען אונגעהויער פיעל אדרעסען, מתנות און טעלעגראמעס פון אלע וועלט-טיילען פון די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטען.

אין דעם טאג איז מקוים געווארען דער פסוק פון ישעיהו הנביא: „וגר זאב עם כבש“ — אלע אידישע ליטעראטען אין ווארשא האבען געשלאסען שלום. פרץ און פרישמאן, ווי „אונטער-פירער“, זענען געקומען אין א פרעכטיגער קארעטע און האבען געפיהרט דעם חתן-היובל אין א שען-פערפוצטען זאל, וואו ס'זענען געדעקט געוועזען טישען מיט טייערע מאכלים און משקאות. דער עולם האט זעהר פרעהליך פערבראכט דעם אווענד, מען האט גע-הערט שענע רעדעס און טאסטען.

דאס איז געוועזען אן אונפערגעסליכער יום-טוב!

כאַראַקטעריסטיק

פון אב. גאָלדבערג.

נחום סאָקאָלאָוו.

כאַראַקטעריסטיק, פון אב. גאָלדבערג.

I.

צוויי פון אונזערע בעקאַנטע קריטיקער האָבען ביי אַנ'אַנדער געלעגענהייט פערזוכט צו ערקלערען דעם שעפפינגס־סוד פון סאָקאָלאָוו, און עס איז זיי ניט געלונגען. מיט אַ צו־לייכט האַרץ זענען זיי צוגעגאַנגען צו איינעם פון אונזערע גרעסטע שעפפער — אויב ניט דער גרעסטער — צו־וועניג בעוואונדערונג, צו־וועניג בעגייסטערונג און נאָך וועניגער פערטיעפונג. איינער האָט סאָקאָלאָוו'ן ערקלערט פאַר אַ פקח — דאָס איז ער געוויס, דאָס איז איינער פון זיינע שטריכען, אָבער ניט דער הויפּט־שטריך, זיכער ניט דער כאַראַקטעריסטישער שטריך.

דער אַנדערער קריטיקער האָט געמיינען, אַז ער, סאָקאָלאָוו, האָט טאַלאַנט, אַז ער קאָן זיך צופּאַסען, אַז ער קאָן נאָכמאַכען אַלץ, אַז ער האָט פעהיגקייט, אָבער ניט אינטואיציע, אָבער ניט די קינסטלערישע סטרונע. ביז אַ געוויסען גראַד איז דאָס ריכטיג. די פּאָזיטיווע זייט פון דער ערקלערונג איז ריכטיג, סאָקאָלאָוו האָט טאַלאַנט, סאָקאָלאָוו, ווען ער וויל, קען זיך צופּאַסען, ווען ער וויל, קען ער אויך נאָכמאַכען — בדרך אגב, דער נאָכמאַכעריי דאַרף מען פערדאַנקען זעהר פיעל פון אונזער פּאָרטשריט אין לעבען — ער האָט געוויס פעהיגקייטען, און נאָך וואָסערע פעהיגקייטען, ריעזיגע פעהיגקייטען. ווען מען זאָגט אָבער, אַז סאָקאָלאָוו'ן פעהלט אינטואיציע, אַז איהם פעהלט אונמיטעלבאַרקייט, אַז ביי איהם אַרבייט נור דער קאָפּ, אַז די געדאַנקען שטאַמען ניט פון די טיעפענישען פון האַרץ, האָבען ניט דעם רויטען פרישען קאָליר, נאָר אַז זיי קומען דוקא פון דעם אייז־שטיבעל — דעם מוח, און מעגען זיי זיין געלייטערט, זענען זיי אָבער געקיהלט — דאָס איז שוין אַ גרויסער

טעות. דאָ האָט מען גע׳משפט איין סאָקאָלאָוו, דעם סאָקאָלאָוו, וואָס שרייבט די פרעמדע פאָליטיק, וועלכע איז פאַר אידען באמת נור אַ ספאָרט־זאַך. אין דער לעצטער צייט, אַ דאַנק דעם ציוניזם, אַ דאַנק די נייע אויפפאַסונגען און שטות מכח נאַציאָנאַל־שטאַט, מכח פאָרטשריטליכע בעציהונגען און רעאַקציאָנערע בּיידנגונגען, און נאָך מעהר, צוליעב דער געענדערטער עקאָנאָמישער לאַגע פון אידישען פאָלק איז אויסגעוואַקסען פאַר אינז מיט איין מאָל אויך אַ שטעלונג צו דער אַלגעמיינער פאָליטיק. בּיי יעדער פאָליטישער פאַסירונג קאָנען מיר ניט בּלייבּען גלייכגילטיג. יעדע ווענדונג שפּיגעלט זיך אָב דירעקט און אונדירעקט אויף אינזער לאַגע, אויף אונזער לאַגע נאָך גיכער ווי אויף וועלכער אַנדערער, דען מיר זענען זעהר אַנעמפפינדליכער אָרגאַניזם, דען מיר זענען דער בּוים, וואָס זיינע צווייגען זענען מעהר פון זיינע וואָרצלען, און יעדער געוועהנליך ווינטעל קאָן עם פון בּאָדען רייסען און איבּערקעהרען. צוריק מיט אַ צייט איז אָבּער געוועזען אַנדערש. דער אידישער מצב איז געוועזען פעסטער, די עקאָנאָמישע ראָלע, וואָס דער איד האָט אויסגעפילט, האָט אידם פערזיכערט געגען אַלע שנויים. מורא האָט ער נור געדאַרפט האָבּען פאַר רעליגיעזע פערפאָלגונגען. פון די האָט מען זיך ניט געקאָנט איינהיטען. און אין דער הינזיכט איז געוועזען אַלץ איין שוואַרץ יאָהר.

בקיצור, אין איין צייט איז די פאָליטיק געוועזען אַ גלייכגילטיגער ענין, אַזוי האָט מען עס בּעטראַכט, הגם ניט אינגאַנצען מיט רעכט, און מען האָט דעריבּער געקאָנט שרייבּען פאָליטיק אין מאַכען הסברות און אַרויסזאָגען בּויך־סברות, און אויסדרעהען פשט לעך אין חרודים, און בּלייבּען קאַלט און גלייכגילטיג. עס האָט זיך אָפט געלוינט צוליעב אַ שענער מליצה, וועלכע איז געלעגען אויף דער צונג און געבעטען „תקון", אַרויסזאָגען דעם ווילדעסטען געדאַנק, וואָרום נאָך אַלעמען, צי איז ניט אַלץ איינס אַזוי צי אַזוי? די גאַנצע פאָליטיק ווערט געשריבּען צוליעב דער הנאה, ניט צוליעב בּעלעהרונג, און אויב הנאה, וואָס איז די מליצה ערגער? דער איד וועט מעגליך פון דער מליצה מעהר הנאה האָבּען ווי פון דער ריכטיגער אויסטייטשונג פון די פאַסירונגען.

משפט מען, בּכן, סאָקאָלאָוו׳ן לויט יענע פאָליטישע אַרטיקלען, קומט ווירקליך אויס, אַז מיר האָבּען דאָ צו טהון מיט אַ יונגעם, וואָס בּלייבּט גלייכגילטיג צו דער גאַנצער טעמא, וואָס האָט די גאַנצע

אַנגעלעגענהייט אין דער לינקער פּאה, וואָס שרייבט מיט דעם געפֿיהל: „איך וועל זיי מאַכען זיסע שפּיין, ווי זיי האָבען ליעב, דאגה מיר, זאָלען זיי פֿערדרעהען אין קיין קאָפּ נישט דרעהען". סאָקאָלאָוו שעפּט זיך אָבער מיט די פּאָליטישע אַרטיקלען ניט אויס, הגם ער האָט זיי געשריבען זעהר פֿיעל. ער איז געווען גלייכגילטיג צו דעם ענין, און די גלייכגילטיגקייט בעמערקט זיך. אָבער סאָקאָלאָוו האָט אויך געשריבען אַנדערע זאַכען. וואָס האָט ער נישט געשריבען? איז ער דען אויך אין יענע זאַכען געבליבען גלייכגילטיג? איז עס ריכטיג, אַז אויך דאָרט פֿעהלט איהם די אונמיטעלבאַרקייט? איז ער אויך דאָרט ניט מעהר ווי אַ פּקח? אָדער ער איז אויך אַ מענש מיט האַרץ, וואָס קניטשט זיך פֿון צער, אַ מענש מיט גרויסע עמפּפּינדונגען און איבערלעבונגען, מיט ליעבע און טיעפֿען מיטגעפֿיהל, מיטן אַריינדרינגען אין תוך-תוך פֿון דער זאַך און מיט אַ פֿערזעצונג אין יענעמס לאַגע ביז פֿערשמעלצונג מיט דער סיטואַציאָן, ביז טאָטאַלער צונויפֿגיסונג?

האָט איהר געלעזען סאָקאָלאָווס נאָטיצען, זאָגען מיר, איבער אַ געשטאָרבענעם פֿריינד, איבער אַ גרויסען ניט-פֿערשטאַנענעם משכיל, וואָס האָט געלעבט און ניט געקראָגען קיין אַנערקענונג, אָדער גלאַט אַזוי אַ שטימונגס-זאַך, וועלכע ווערט ביי איהם געשריבען כּלאחר-יד, אַזוי-זיך, אָבגערעדט פֿון דעם האַרץ, וואָס ווערט פֿערפּלייצט פֿון געפֿיהלען, וואָס נעהמט-אויף פֿערשיעדענע איינדריקע און רופֿט זיך אָב, ווי יענער דוד-פֿידעל אין דער לעגענדע, צו יעדען ווינטעל וואָס גיעט אַ בלאָז — האָט איהר געלעזען די אַלע זאַכען?

סאָקאָלאָוו פֿערמאָגט זעהר און זעהר פֿיעל אונמיטעלבאַרקייט, און ער ווערט אויך שטאַרק הינגעריסען. נאָר סאָקאָלאָוו האָט אויך אַ קלאָרען קאָפּ, און פֿון זיין אויג געהט ניט פֿערלוירען קיין זאַך. ביי זיין גאַנצער הינגעריסענהייט מיט אַ געוויסען געגענשטאַנד זעהט ער דעם צוזאַמענהאַנג פֿון דער פּאַסירונג מיט אַנדערע, זעהט ער אַז דאָס איז נור איין רינגעלע פֿון אַ גרויסער קייט, אַ טראָפּען פֿון דעם ים, אַז עס איז געווען אַ „פֿאַר דעם" און אַ „נאָך דעם", אַז מיט דער גאַנצער אָבגעשלאָסענהייט אין זיך, מיט די אַלע אייגענע אינדיווידועלע שטריכען, וואָס מאַכט די זאַך פֿאַר וואָס זי איז — איז זי אָבער אין פֿיעלען ענליך צו אַנדערע זאַכען, וועלכע ווערען ביי איהם דורך אידעען-פֿערבינדונג, דורך זיין גרויסען זכרון — בּדרך-אַגב, זכרון איז פֿערזענליכקייט — פֿאַר זיין גייסטיג אויג אַרויסגע-

רומען. דער זכרון וואַרפט אויף דעם אויג'ס פערשפּרייטונג ערשייגונג נאָך ערשייגונג, בילד נאָך בילד, און בילד אין בילד, וועהרענד זיין גרויסע תפיסה קלייבט אויס דאָס כאַראַקטעריסטישע און וואַרפט אַוועק דעם טפל, נעהמט צונויף און קאָמבינירט, און אַ פּינטעלע צוואַקסט זיך אין אַ בילד, דאָס בילד איז אָבער איינגעראַמט אין דעם יוניווערזום, אין דער אונענדליכקייט — אָדער: דער הינטערגרונד פון דעם בילד איז די גאַנצע וועלט, די אונענדליכקייט, די פּאַסירונג אין צייט, געהט ביז „סוף כל הדורות“.

די איינגענשאַפט איז אַמאָל אַ חסרון. יעדע מעלה איז בײַ געוויסע געלעגענהייטען אונטער געוויסע אומשטענדען אַ חסרון. אַמאָל קומט צוליעב דעם אַ בילד אַרויס מטושטש, צושוואומען. צוליעב דעם גרויסען הינטערגרונד ערשיינט דאָס בילד אונבעדייטענד און פערלוירען. דורך דער אָבגעגרענצטקייט און אָבגערונדקייט קומען נאַטירליך די שטריכען אַרויס שאַרפער. אַמאָל שוואַכט דער גרויסער פּאַנאָראַמע, דער ווייטער פלוג אָב די ווירקונג. זעהר אָפט איז פערקעהרט: פון אַ פערזענליכען שמערץ וואַקסט עס אונטער זיינע הענד אויס אין אַ פאָלקס־שמערץ, אין אַ וועלט־שמערץ. פון אַ לאָקאַלער זאַך, פון אַ נישטיגקייט, געהט עס אויף אין אַ וועלט־פּראָבלעם, בעקומט דעם הויך פון אייביגקייט, און ווערט דער מיטעלפּונקט פון דער שעפּפונג.

ווען מען לעזט סאָקאָלאָוו'ן, דוכט, אַז איהר שווימט מיט אייער שיפעל אין מיטען ברייטען ים, די חוואַליעס ברויזען, פּאַטשען, שטורמען און הויבען זיך באַרג־הויך און ווילען אייך איינשלינגען, און עס דוכט זיך אויס, אַז איהר וועט גאָר קיינמאָל צו קיין ברעג ניט קומען, אַז עס איז מעהר אויף דער וועלט ניטאָ ווי הימעל און ים־חוואַליעס, און איהר רייסט זיך אויס פון איין חוואַליע און אייך טאַנצט אַקעגען מיט אַ פרישקייט און מונטערקייט, ווי ערשט פון קייט זיך אָבגעריסען, אַ נייע חוואַליע, און איהר וואונדערט זיך: ווען וועט עס נעהמען אַ עק? איהר ריכט זיך גאָר ניט, אַז אָט די נייע חוואַליע, וואָס איז אייך געקומען אַקעגען, וועט עס אייך פיהרען צום ברעג, זי וועט עס אייך צופיהרען צו אַ פּונקט, וואו איהר וועט קאָנען אַנקערן אייער שיפעל און צוריקקוקען, און איינזויגען, אויסנעהמען דאָס גאַנצע בילד. דאָס איז אָבער געוועזן די גליקליכע חוואַליע.

ווען איהר קומט צום פּונקט, זעהט איהר, אַז אין דעם כאַאָס פון די חוואַליעס איז דאָ אַ געוויסער סדר, אַ „עב און פלוט“, אַז

די אַלע חוואַליעס מיט זייער שטורמען אין שטרעקען, און קנייטשען, מיט זייער איבערקרייצונגען און אומהאַלזונגען, גיסען זיך צונויף אין איין בילד, און איבער דעם בילד שוועבט דער בעגריף פון קאָלאָסאַלקייט, פון אונענדליכקייט.

אַנ׳עהנליכען געפיהל האָט איהר ווען איהר לעזט סאָקאָלאָוו׳ן. ניט איינמאָל דוכט זיך אייך: וועל איך אַמאָל קומען צו אַ ברעג? די חוואַליעס שטורמען, און רייסט איהר זיך אַרויס פון דער אומאַרמונג פון איין חוואַליע, און אַקעגען אייך לויפט שוין אַנ׳אַנדערע, און חאַפּט אייך אין איהרע אָרעמס, און טראָגט אייך, און טראָגט אייך און איהר ווערט ווי איבערצייגט, אַז איהר וועט גאָר קיינמאָל צו קיין ברעג ניט קומען, דער סוף לאָזט זיך אויס, איהר האָט געהאַט אַ טעות: יענע פרישע חוואַליע האָט עס אייך גליקליך אַרויסגעפיהרט צו אַ ברעג. און ווען איהר קומט צו זיך פון דעם גרויסען שווימען, און קוקט פון הינטער זיך, זעהט איהר, אַז עס איז געווען אַ סדר אין דעם חוואַליעס־לויף, און עס גיסט זיך דאָס אַלעס צונויף פאַר דעם אויג אין אַנ׳איינהייטליך און האַרמאָניש בילד, און איבער דעם בילד שוועבט דער בעגריף פון קאָלאָסאַלקייט, פון אונענדליכקייט.

ביי קיין אַנדערען העבּרעאישען שרייבער פיהלט איהר ניט אַזוי דאָס קאָסמאָפּאָליטישע, דעם תמצית פון פערשידענע קולטורען, ווי ביי סאָקאָלאָוו׳ן. איהר האָט דאָרט די ענגלישע געלאַסענהייט און רוהיגקייט, דעם פראַנצויזישען „עספּרי“ און געלויפיגקייט, און דאָס פּוילישע חנ׳דעלע און זיסע ריידעלעך און דייטשע ערנסטקייט. און דאָס אַלעס גיסט זיך צוזאַמען און דאָס לעבט צווישען זיך גאַנץ צופריעדען — דען איבער דעם אַלעמען שוועבט דער גייסט פון סאָקאָלאָוו, איבער דעם אַלעמען שוועבט דער אידישער גייסט, וועלכער שעפּט רייכטום פון אַ מסורה פון טויזענדער יאָהר, פון אַ קולטור מיט אַזאַ פערגאַנגענהייט, און אין וועלכער ער פיהלט זיך היימיש, אַזוי ווי אין אייגענעם אַרבייטס־צימער.

ווען איך לעז סאָקאָלאָוו׳ס אַ „משבת־לשבת“ דערמאָן איך זיך אָן דעם תלמוד׳ישען ספּור מכח דעם שמיעד, וואָס האָט געזעהן פיעל פלאַקס, און דער שמיעד האָט זיך געוואונדערט: „אָנה יכנס כל הפשתן הזה?“ וואוהין וועט אַהינקומען דער גאַנצער פלאַקס? און דער ענטפער איז געווען: אַ פונק וועט אַרויסגעהן פון דיין בלאָז־זאַק און ער וועט פערברענען דעם גאַנצען פלאַקס.

ווי יענער שמיעד מוז מען, ווען מען לעזט סאָקאָלאָוון, זיך וואונדערען: וואו בעהאַלט זיך דאָס דער גאַנצער אוצר? וואו האַלט זיך דאָ אויף די גרויסע קענטעניסען, דאָס אַלזייטיגע וויסען, ווי אַזוי פאַלט ער גאָר ניט אונטער דער לאַסט? דער ענטפער איז: סאָקאָלאָוו האָט זוכה געווען צו דעם גענ׳אַלען ניצוץ, און דער, וואָס האָט דאָס, אויף דעם איז שוין אַליין גאָר קיין קשיא ניט.

דען דער איז אַנדערש ווי דער געוועהנליכער מענש.

II.

אויך ביי די אומות־העולם מאַכט געוועהנליך דער שריפט־שטעלער־עקסטרעמיסט אַ גרויסען איינדרוק; דער יעניגער, וואָס ביי איהם איז יאָ — יאָ און ניין — ניין, אָהן שום תנאים, אָהן שום שאָקלונגען, אַזעלכער ווערט געוועהנליך בעטראַכט פאַר אַ מאַן מיט אַנ׳אייזערנער שטה, און אַזעלכען, קוקט מען, געוועהנליך, אין מויל אַריין — דען ער איז קיינמאָל ניט אין ספק, איז תמיד פאַרטיג מיט אַנ׳ענטפער, און דער ענטפער איז געוועהנליך אַ גראַדער: „רעכטס אָדער לינקס“. אַזעלכער, ווערט געוועהנליך אַנ „אורים ותומים“, זאַמעלט אַרום זיך חסידים, קריגט אָנהענגער, וואָס צוטראָגען זיין לויב איבער דער וועלט.

אַ פשיטא, אין דער אידישער גאַס, וואָס איז פול מיט פשרות פון אַלע זייטען, מאַכט דער עקסטרעמיסט נאָך מעהר רושם. אין איהם געפינען די צובראָכענע נשמות אַ בעפריעדיגונג פאַר דעם, וואָס פעהלט אַזוי שטאַרק אין לעבען — די קאָמפראָמיסלאָזיגקייט.

עס איז אָבער פון דעם לחלוטין נישט געדרונגען, אַז דער עקסטרעמיסט איז ווירקליך אַ טיעפער מענש, אַ גרויסער דענקער. פיעל מאָל טרעפט, אַז דאָס עקסטרעמע אין דענקען שטאַמט פון אַ שמאָלען בליק, פון אַ פשוט׳ער עקשנות, פון אונפעהיגקייט ריכטיג אָבצושאַצען די לאַגע.

עקשנות קאָן זיך אַן־און־פאַר־זיך זיין, אונטער געוויסע אומשטענדען, אַ גרויסע מעלה, מאַנכעס מאָל, פשוט אַ גליק — מיט דענקען האָט עס אָבער ווענינ וואָס צו טהון, מיט טיעף־דענקען — אַדאי ניט, מען דאַרף עס לחלוטין ניט צוזאַמענמישען, פונקט ווי פשרה־מאַכעריי איז קיין בעווייז ניט אויף ניט־טיעף דענקען.

ביי אונז ווערען די בעגריפען פון ברייטקייט און איבער־פלעכליכקייט צונויפגעמישט. צווישען זיי איז אָבער פאַראַן אַ תהום, פונקט ווי עס איז דאָ אַ תהום צווישען שמאָלקייט און טיעפקייט, וועלכע ווערען אויך ביי אונז צונויפגעמישט. מען דאַרף אָבער די בעגריפען שאַרף פונאַנדערצוטיילען. ווען איינער איז ברייט אין זיין דענקען און האַנדלען, שליעסט עס נאָך בשום אופן נים אויס זיין טיעפקייט. פונקט ווי ביי די קאָנקרעטע געגענשטענדען פון וואַנען די אויסדריקען זענען איבערגענומען געוואָרען אין אונזער אַב־סטראַקטען דענקען קאָן אַ געגענשטאַנד זיין ברייט און דאָך טיעף.

אמת, אַז ברייטקייט איז ניט מחייב קיין טיעפקייט, די ברייט־קייט קאָן אויך זיין אַ רעזולטאַט פון איבערפלעכליכקייט. דאָס הייסט, עס איז אין אמת'ן ניט קיין ברייטקייט, נאָר אַ צילאָזיגקייט, אַ אויף־אַלע־זייטען־וואַרפעניש. דאַרף מען טאַקע אין יעדען פאַל אונטער־זוכען, דאַרף מען טאַקע זעהן, וואו דער חמור שטעהט: צי אין טיעפען קעלער, צי אין דער ברייטער שטאַל.

סאָקאָלאָוו פערמאָגט זעהר אַ ברייטע אויפפאַסונג, אין האַלט זיך קיינמאָל ניט פעסט ביי אַ סתם „יאָ" אָדער „ניין". ער איז אין פלוג אי „יאָ" אי „ניין", אין אמת'ן אָבער איז ביי איהם „יאָ" אונטער געוויסע אומשטענדען און „ניין" אונטער געוויסע אומשטענ־דען. זיין מח זעהט אין פערשיעדענע מעגליכקייטען, זעהט אויך יענעמס שטאַנדפונקט, ער פערשטעהט בעוועגונגען און די סבות, וואָס האָבען די פאָלגען גערופען, און ער איז ניט קאַפריזנע, ברוגז'ט זיך ניט אַזוי ווי יענער „חדר"־אינגעל: „איך וויל וואַרעמעס, און מעהר וויל איך ניט וויסען"; ער רעדט ניט מיט האַלבע ווערטער, מיט רמזים, מיט פערגלאָצטע אויגען, מיט אָנגעצויגענעם מלומדישען טאָן, איז דאָס פאַר פיעלע משכילים, וואָס זענען געוועהנט צו שווערע סוגיות און גראָבען פינגער, געוועזען אַ בעוויז, אַז ער איז איבער־פלעכליך, וואַסעריג, אַ מענש אָהן אַ שום שטאַנדפונקט. ניט לאַנג ערשט האָט זיך אַ יונגער שרייבער פערזוכט צו ערקלערען, אַז סאָקאָלאָוו איז וואַסעריג.

אין דער מאָדנער אויפפאַסונג איז זיכער פיעל שולדיג די צונויפמישונג פון בעגריפען: ברייטקייט און איבערפלעכליכקייט.

סאָקאָלאָוו'ס ברייטקייט איז ניט דער פועל־יוצא פון שטאַנד־פונקטלאָזיגקייט, נאָר אַ רעזולטאַט פון ציפיעל וויסען, פון זעהן אַלע זייטען פון דער פראַגע, פון אַ צו־גרויסער לעבענס־ערפאַהרונג, פון

איינזעהן די פּאָזיטיווע זייט אויך פֿון געגנערישען בליק. דאָס פֿיעל וויסען האָט אָבער סאָקאָלאָוו'ן ניט געמאַכט שווערפֿעליג, פֿריקרע, מסופּק'דיג און פּעדאַנטיש, דערצו האָט ער צו־פֿיעל טעמפּעראַמענט. און וואָס נאָך מעהר, וואָס איז דער עיקר, זיין וויסען איז ניט דוקא גענומען פֿון ביכער, ער איז ניט אַ קאַבינעט־מענש, נאָר ער ווערט געשעפּט פֿון לעבענס־קוועלען. אין לעבען האָט ער זיך געלערנט צו שעצען דעם כח פֿון דער טהאַט, ווען אפילו זי קומט על־פּי־טעות. הפה שאסר, הפה שהתיר — דאָס איז דער גרויסער וויכטיגער פּרינציפּ אין לעבען. דורך די טהאַטען ווערען די טעות'ן אויסגע־גלייכט און פֿאַרריכט, מען דערזעהט דעם טעות אַ דאַנק דער ער־פֿאַהרונג און די ערפֿאַהרונג לערנט ווי איהם צו בעזייטיגען.

און סאָקאָלאָוו איז תמיד אויף דער זייט פֿון טהון, פֿון וואַגען, פֿון פּרובירען; איהם שרעקט ניט די מורא פֿון פֿעהל־שריט. אויף סאָקאָלאָוו'ן איז די אַלגעמיינע מיינונג, אַז ער איז אַ דיפּלאָמאַט — און דאָס איז ער באמת, אַ דיפּלאָמאַט אין העכערען זין פֿון וואָרט. ער איז דער דיפּלאָמאַט, וואָס וואַגט.

וואָלט סאָקאָלאָוו געלעבט אין אַ אידענשטאַט, סאָקאָלאָוו מיט זיין פֿעדער, וואָלט איהם דאָס פֿאָלק אויף זיינע אַקסלען פֿון דער רעדאַקציע אין פּאַרלאַמענט אַוועקגעטראָגען. ער וואָלט אַלע־מאָל געווען אַ גרויסע קראַפֿט אין דעם שטאַט, מיט וועלכע די רעגירענדע מאַכט וואָלט זיך שטאַרק גערעכענט.

וואָלט סאָקאָלאָוו איבערגעגאַנגען צו די גוים, וואָלט ער גאָר אין אַ קורצער צייט געוואָרען וועלט־בערימט. פֿאַר איהם איז, פֿער־שטעהט זיך, נויטיג אַ פֿרייע מדינה, וואו מען קאָן רעדען פֿריי און אונגעשטערט. פֿרייע פּרעסע איז פֿאַר איהם, ווי לופֿט פֿאַר די לונגען, דען ער מוז רעדען פֿריי און קלאָר, ער קאָן ניט רעדען אויף דעם וואונק און צו־שטאַמלען, און שרייבען פּינטעלעך — די אונקלאָרהייט איז דער געגענזאַץ פֿון סאָקאָלאָוו'ן.

אין סאָקאָלאָוו'ן איז פֿעראייניגט און צוזאַמענגעאָכען גע־וואָרען אויף אַ האַרמאָנישען אופֿן אַ גרויסע דאָזע אַריסטאָקראַטיזם און ניט קיין קליינע דאָזע דעמאָקראַטיזם. אין זיינע אַרטיקלען בע־מערקט זיך אַ געוואַלדיגע ענוות; דער טאָן איז תמיד: „כ'בין דאָך נאָך אַלעמען ניט מחדש קיין נייעס, איהר ווייסט דאָך דאָס, נאָר איך ברענג עס אַרויס שאַרפֿער". אין זיין שרייבען איז ניט צו בעמערקען קיין ביטערקייט, קיין פֿערדרוס. ער הויבט ניט אָן שרייבען,

זיי פילע אנדערע גרויסע, מיט א טאן, אז מען וועט איהם געוויס ניט פערשטעהן, מען וועט געוויס אין זיינע רייד מגלה פנים זיין שלא כהלכה, נאר וואס קאן ער זיך העלפען: ער מוז שרייבען, ער מוז ברענגען א קרבן, ווייל די אידעע פאדערט עס, אדער ווייל עס צווינגט איהם דערצו דער אינערליכער טריעב, דער מלאך וואס שלאגט אויף דעם גרעזעל און זאגט: „וואקס", שלאגט איהם און זאגט: „שרייב". אין סאקאלאוו'ן מערקט איהר ניט די תנועה, ער לאזט ניט פאלען קיין ווארט, וואס זאל לאזען אייך דענקען, אז ער איז אין דער מיינונג, אז שרייבענדיג האט ער געבראכט א קרבן, איז ער געצוואונגען געוועזען זיך אראנטערצולאזען. נאר אדרבא, דער טאן איז זעהר פריינדליך, צוגעלאזט, כמדבר איש אל רעהו — ווי איינער רעדט צו זיין פריינד.

סאקאלאוו איז א דעמאקראט. שעצט דעם כח פון דער מאסע, ווייסט די גרויסע ווערטה פון כמות, פערשטעהט די בעדייטונג אויך פון דער פאסיוויטעט פון א צבור, גלייך ווי ער וואלט ניט אויסגע־וואקסען אין א אונטערדריקט לאנד, אונטער א אונבעגרענצטער דע־ספאטיע. ווען ער שרייבט, מאכט ער דעם איינדרוק פון א טריבון, וואס, פערלאזענדיג זיך אויף זיין רעדנער־טאלאנט אויסשליסליך, רעדט צום גרויסען עולם, און צווינגט זיך אין זיין רעדען און שטייגט אין זיין התלהבות, אין זיין קראפט, ניט ווערענדיג דעמאגאגיש, אדאנק די חוואליעס פון מיטגעפיהל, וואס קומען איהם אקעגען מצד די צוהערער, אדאנק דעם רעש און בייפאל, וואס זינגט איהם אין זיינע אויערען. ווי דער אמת'ער דעמאקראט, בעזאלצט ער זיינע רייד מיט אויסדריקען און ווערטלעך, גענומען פון דער שפראך פון המון, ניט מעהר צוליעב דער בעטאנונג, צוליעב א שאקעל מיט זיין צוי־בער־שטעקעל, בעקומען זיי א גאנץ אנדערען מיין, א העכערען מיין.

די מאסע דערפיהלט דאן די קולטור־בעדייטונג פון איהרע אייגענע רעד. דערהערען דעם דופק, וואס קלאפט אונטער דעם דער־שלאגענעם ווארט און אויסדריק. דער אויסדריק איז אבער אלעמאל איהר היימיש, און שמייכעלט זיך איהר איין און די הנאה איז עהנליך צו דער, וואס איינער פיהלט, ווען ער טרעפט אין א פרעמדען געגענד א היימישען מענש: אהא, ר' יעקב, ווי קומט איהר אהער?

הייסט עס, אז סאקאלאוו פערשטעהט ניט די ווערטה פון די יחידי־סגולה? פון די בעשיידענע, פון די צנועים, וואס לויכטען מיט דעם בלויען אייגענעם ליכט פון דער לבנה, נאר, אין אונטער־

שיעד צו דער „לבנה“, מיט אַ ליכט, וואָס איז זייער איגענס, קימש פון זייער אייגענע נשמה? הייסט עס, אַז סאָקאָלאָוו פערשטעהט ניט די ווערטה פון אימפּאָנדראַבּיליען, פון „אור הגנוז“, „תפארת שבסוד“, ווי די חסידים וואָלטען זאָגען? נײן, דאָס הייסט עס ניט.

קיינער איז נאָך ניט אַזאַ מבין אויף די שעהנע נאַטורען, אויף די, וואָס טראָגען דאָס ליכט איינגעשלאָסען אין זיך, ווי דאָס איז סאָקאָלאָוו. ער בעמערקט די ליכטיגע פונקטען, וואו קיינער זעהט זיי ניט. סאָקאָלאָוו איז געבליבען דער פריינד פון די אַלטע משכּילים פון דעם שניט פון אַ רייפמאַן, ער האָט אַ גרויס פערשטענדניש פאַר די חוקרי קדמוניות און פאַר די בעלי־המליצה. דען סאָקאָלאָוו ווייסט, אַז די צורות קאָנען זיין פערשיעדען, אָבער דאָ האַנדעלט זיך אום אַ הערליכע נשמה־אויסשטראַהלונג, אַז אַלע רייסען זיך צו ליכט. ער שעצט זיי און זיי ליעבען איהם. אין זיין געגענוואַרט אַטהעמען זיי אָב פריי.

סאָקאָלאָוו איז אָבער אויך אַ גרויסער אַריסטאָקראַט. ער איז דער גרויסער תלמיד־חכם, און ער איז שטאָלץ אויף זיך. ער איז אָבער ניט קיין אויפגעקומענער גביר, וואָס שטעקט־אָן די פינגער מיט רינגעלעך און דימענטען און שפּיעלט זיך מיט דער גראָבער גאָלדענער קייט: זעהט און בעוואונדערט מיין רייכטום. סאָקאָלאָוו איז רייך אין וויסען, איז זעהר פיעל בעלעזען, און האָט דעם גרויסען זכּרון, ער ברענגט אָבער זעלטען ציטאַטען. ער האָט געזעהן פיעל גרויסע מענשען, בעריהמטע שריפטשטעלער, פּאָליטיקער, מיליאָנערען, קינסטלער, מיט זיי פערבראַכט אינטים, היימיש, און ער דערצעהלט אַמאָל וועגען דעם, ווען עס קומט איהם אויס צום ענין. ער דערצעהלט עס אָבער כּלאחר־יד. דאָס וואָס ער איז אַ בן־בית ביי די גרויסע, איז דאָך סוף־סוף אַ גאַנץ נעבען־זאַך, וואָס ער וויל דערצעהלען איז, דאָס וואָס יענער גרויסער האָט וועגען דער זעלבער אַנגעלעגענהייט, וועגען וועלכע ער רעדט איצט, געהאַט צו דערצעהלען, ניט מעהר.

ער גיעט יאָ אַמאָל אַ קאָקעטיער, דאָס איז אָבער שטענדיג מיט זיינע ידיעות פון דעם פּשוט'ען לעבען. ער האָט זעהר ליעב צו בעווייזען, אַז פאַר איהם איז ניט פרעמד דער מאַרק, די קיך, דער הינטער'ן הרובע, דאָס שטיבעל, בקיצור: דאָס פּשוט'ע לעבען, דאָס סאַמע געוועהנליכע.

און אויך דאָס געוועהנליכע, דאָס פּשוט'ע איז איהם ווירקליך

ניט פרעמד. ער איז דער גרויסער בעאבאכטער, און יעדע בעמערקונג גיעט איהם געלעגענהייט זיך צו פערטראכטען, איהם איז יעדער מענש אינטערעסאנט, און פערליערט עמיצער א ווארט, הערט ער זיך צו מיט וואס עס אטהעמט, און עס עפענט פאר איהם אויף די זעעלע פון מענשען.

סאקאלאוו'ן איז ניט שווער צו שרייבען קיין איינדריקע. ער מוז ניט צוליעב דעם דוקא פאהרען קיין איטאליען. ער קאן ארויסגעהן אויף א שפאציער אין א ליאדע שטאדט, פאהרען אין טראמוואי, דורכגעהן א גאלעוועקי, און חאפען א ווארט מיט דעם, מיט יענעם, און ער וועט אייך שרייבען איינדריקע, וועלכע וועלען אייער אויפמערקזאמקייט ווענדען אויף א גאנץ נייער זייט אין דעם אייך אזוי בעקאנטען ווינקעל.

סאקאלאוו האט געשריבען פיעלע איינדריקע, און זיי זענען געווען זעהר אינטערעסאנט. ער האט אין איינינע דערגרייכט די מדרגה פון א גרויסען מאהלער-קינסטלער.

ער איז אבער צו-פיעל פערטיעפט מיט צאפעלדיגע לעבענספראגען, אז ער קאן זעלטען פאר זיך נעהמען די נויטיגע רוהע צו שרייבען סתם איינדריקע. עס לעבט אבער אין זיין זעעלע דער „קינסטלערישער אדער“ און פאדערט בעפריעדיגונג, איז אפט בעפריעדיגט ער עם דורך דעם אריינפלעכטען א מאהלערישע שטיק, ריינע קונסט אין א היסען פאליטישען ארטיקעל. ווי אזוי? פשוט, די שטימונג איז אנגעקומען און געפאדערט איהר'ס, און ער האט זי מעהר ניט געקאנט אונטערדריקען.

זעלטענער אבער שרייבט ער טאקע איינדריקע לשם איינדריקע, און ווען ער שרייבט זיי, דאן איז ער קינסטלער, וויפיעל בעאבאכטונגס-קראפט, וויפיעל פארבען, ניואנסען, שאטירונגען, האלבע און פערטעל טענער. וואס פאר א קאמבינאציעס און וואס פאר א אידעען-רייכטום. ער זעהט די זאך מיט אלע פרטים, און זעהט, וואס עס איז אין איהר חאראקטעריסטיש.

סאקאלאוו, דער אידישער עלוי, האט אנ'אויג פאר דער נאטור, און פערשטעהט איהר לשון.

דער פריה-מארגען מיט זיינע האפנונגס-בליקען, דער זונענאונטערגאנג מיט זיין פארבען-שפיעל, דער וואלד מיט זיין כשוף, דער טראקט, וואס ציהט זיך דורך צווישען בוימער און פערליערט זיך אין דער וויטקייט, בלומען, טייכען, בערג, פעלדער, דער

צימער פון פריהלינג און זיין צערטליכער הויך, די סודות פון די שטערען אין דער טיעפער שטילקייט פון דער נאכט, ווען די ערד הערט־זיך־צו צו איהר איינענעם אטהעם, אלטע שלעסער, חורבות, וואס טראגען אויף זייערע ברעמען די קרוין פון פערגאנגענהייט — דאס אליך איז סאקאלאוו'ן נאהענט, אין זיין נשמה געפינט זיך א פערבארגענע סטרונע, וואס רופט זיך אויף דעם אב. סאקאלאוו איז א גרויסער מאהלער, ער האט זיך אבער מיט דעם ווייניג אפגעגעבען. עס לאזט זיך אבער דערקענען, עס רייסט זיך ארויס פון דער פעדער אויך דאן, ווען ער שרייבט אן־ארטיקעל, ווי „למרנן ורבנן“.

סאקאלאוו'ס בחינה איז ניט ווייניג „הלכה“ אבער מעהר „הגדה“. סאקאלאוו האט דעם שארפען קאפ און קען שרייבען מאמרים, וואס זאלען זיין שווער און פערפלאנטערט, און פול מיט פלפול.

סאקאלאוו איז הגדה אויף א מאדערנעם אופן. — די הגדה, וואס ציהט דאס הארץ און עפענט־אויף פאלאצען, און דעקט־אויף נייע האריזאנטען; און טראגט דעם, וואס זיין סטיל פליעסט זעלטען רוהיג, נאר פאטשט הויך די חוואליעס, ווערט ער דאך קיינמאל ניט טריעב. עס איז דער סטיל, וואס גלעט אייך און צויבערט אייך, און אויפ'ן הארצען ווערט אייך אזוי גוט, דען ער רעדט זיך אייך כמדבר איש אל רעהו, ווי איינער רעדט צו זיין פריינד — צו א אינטימען פריינד.

III.

א זעהר מאדנע בעגריף הערשט ביי אונז מכח סטיל, ווען עס האט זיך געקאנט פערשפרייטען א מיינונג, אז סאקאלאוו האט נור א רייכע שפראך, אבער ניט קיין סטיל. סאקאלאוו איז זעהר א גרויסער סטיליסט: סטיל איז פערזענליכקייט, און די פיעל־זייטיגע סאקאלאוו־פערזענליכקייט האט פאר זיך געשאפען א סטיל, א איי־גענארטיגען, אין וועלכען זי קומט צו אויסערונג, צו ענטפלעקונג אין איהר גאנצען רייכטום.

א גרויסער טייל פון סאקאלאוו'ס וואונדער־קראפט ערקלערט זיך דורך זיין סטיל. סאקאלאוו האט מעהר ווי איין פארמע פון שרייבען. אויב ער וויל קען ער שרייבען אין דעם לשון פון תנ"ך,

אין דעם שטרענגען ביבלישען סטיל, אויב ער וויל, אין דעם משנה אדער תלמודישען סטיל, אויב ער וויל קען ער שרייבען אין דעם לשון ווי די חקירה-ספרים זענען געשריבען געווארען, ער קען אויך שרייבען אויף דעם חסידישען, המונישען ארט, אדער אין דעם סטיל, אין וועלכען זיינע פעליעטאנען זענען געשריבען געווארען, דעם סטיל, וואס איז א הארמאנישע צוזאמענשמעלצונג פון די אלע עלעמענטען, א פאלקאמענע צונויפגיסונג פון די אלע פערשידענע אין אונזער שפראך-אוצר געפונענע מעטאלען, און וועלכע דורך זיין אלכעמישען שפרוך ווערען פערוואנדעלט אין גין-גאלד.

עס איז, זעהט אויס, אז די דאזיגע רייכקייט אין שרייבארטען האט גורם געווען, אז פיעלע זאלען קומען צו דער מיינונג, אז סאקאלאוו האט קיין סטיל ניט. דאס איז אבער פאלש. ווען איינער האט קיין סטיל ניט, דערקענט איהר איהם ניט אין לייענען. קאן מען דאס זאגען אויף סאקאלאוו'ן? אין וואס פאר אן־אופן ער זאל ניט שרייבען, סאקאלאוו בלייבט סאקאלאוו, זיין גייסט שוועבט איבער דעם. ער קאן שרייבען מיט שברי-פסוקים אויף דעם ארט פון די אלטע מליצים, איהר וועט איהם מיט קיינעם פון די אלטע מליצים ניט פערביטען. ער איז איינער אין זיין ארט. איהר וועט דורכלעזען איינינע שורות נור, און איהר וועט באלד דערקענען, וועמענס האנד עס האט די פעדער געפיהרט.

סאקאלאוו'ס סטיל צווינגט, אז מען זאל איהם לייענען. איהר קאנט זיך ניט פון זיין כשוף בעפרייען. אין זיין סגנון איז ניט נור רייכטום, אין איהם איז אויך א געלויפיגקייט, וואס איהר מערקט ניט אין קיין שרייבער. זיין סטיל איז דער עכטער איראפעאישער — ספעציעל אין זיינע פעליעטאנען — דאך אנקערט ער אין דעם עכטען אידיאם. דאס איז א גרויסע בריה'שקייט.

די העבראישע שפראך האט איצט פיעל גרויסע מייסטער, זעהר פיעל איז אויפגעטהון-געווארען פאר דער בערייכערונג פון דער העבראישער שפראך. אויב איהר ווילט איז דאס אפשר דער בעסטער בעווייז אויף אונזער לעבענס-און שאפענס-קראפט. אויב איהר ווילט איז דאס אפשר דער גרעסטער וואונדער פון אונזער צייט. מען דארף נור דערמאהנען די נעמען פון אזעלכע שפראך-שעפפער, ווי אבראמאוויטש, ביאליק און אחד-העם און ניט וועניגער בערדיטשעווסקי. זיי מיט א גאנצע כנופיה גרעסערע און קלענערע ארויסהעלפער. יעדער פון די דערמאהנטע האט אבער געארבייט אויף

זײַן געבּיעט. אַבּראַמאָוויטש האָט אונז געגעבּען דעם סגנון נויטיג פֿאַר אַ רעאַלע סקיצע. ווען מען זאָגט בײַ אונז „פֿאַר דער רעאַלע סקיצע“, מיינט עס שוין ממילא די שפּראַך נויטיג צו בּעמאָהלען דאָס גאַנצע גלות־לעבּען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ ספּעציעלער רעדעס־אַרט מיט בּעזונדערע טרויער־שענהײַטען, מיט אַנ'אייגענעם קרעכץ, מיט אידיאָמען און אויך מיט אַ וואולגאַריטעט, אונטער וועלכער עס שטעקען געזונדע מאַסען־אינסטינקטען. ער האָט געהאָלפֿען איבּערנעהמען די זשאַרגאָן־שפּראַך מיט איהר האַק־און־פּאַק אין העבּרעאיש, ער האָט געוויזען דעם וועג, אָנגעצייכענט די ליניען, און נאָך איהם זענען געקומען אַנדערע און האָבּען די זאַך פֿערענדיגט. בּיאַליק אַליין האָט אויף דעם געבּיעט אויך זעהר פֿיעל געהאָלפֿען.

בּיאַליק האָט געשאַפֿען דעם סטיל פֿאַר דער פּאָעזיע. פֿון זײַן קוועלע שעפּען אַלע, און מען וועט נאָך לאַנג־לאַנג שעפּען. דאָס איז זײַן דירעקטער אײַנפֿלוס, ער האָט אָבּער אויך בּערײַכערט דעם סגנון אונדירעקט מיט דעם, וואָס ער דיענט אַלס אַ מופֿת פֿאַר די נײַע דיכטער, ווי אַזוי צו עקספּלואַטירען דעם מאַטעריאַל, וואָס געפֿינט זיך אין דער בּיבּעל, ווי אַזוי צו מאַכען פֿון ברוך גאַנצע כלים, און אין די כלים אָנצוגיסען ליכט.

אַחד־העם האָט געשאַפֿען די פּובּליציסטיק. די פּובּליציסטיק איז אַפֿילו אין העבּרעאיש קיינמאָל ניט פֿערנאַכלעסיגט געוואָרען. סוף־סוף איז דאָך, אין אַ געוויסען זין, די גאַנצע געזעצגעבּערישע ליטעראַטור, למשל, פּובּליציסטישע אָבּהאַנדלונג. דער ש״ך אין „חושן־משפּט“ האָט גענוג ליטעראַרישע קראַפֿט, גענוג שפּראַך־רײַכקײַט און פּינקטליכקײַט צו פֿיהרען אַרגומענטאַציאָן איבּער פֿערשיעדענע לעבּענס־ענינים. און ער איז ניט דער איינציגער, און מיר האָבּען איהם דערמאָהנט נור בּדרך משל. חוץ לזה, די פֿילאָזאָפֿישע ליטעראַטור בּיז דער פּובּליציסטיק פֿון דער נאָהענטער פֿערגאַנגענהײַט, פֿון צווייפֿעל, שי״ר און אַנדערע. אַחד־העם האָט דאָך אַרײַנגעבּראַכט אַ געוויסע רעפֿײַנירקײַט אין דער העבּרעאישער פּובּליציסטיק. ער האָט אויך אויסגעבּרייטערט איהרע גרעניצען.

עס זענען אויסער דעם אויפֿגעשטאַנען אַנדערע, וואָס האָבּען אַרײַנגעפֿיהרט דעם לײַכטען ווי אויך שטיפֿערישען טאָן, ווי פֿרישמאַן און לעווינסקי.

יעדער האָט אָבּער אַליין געאַרבּײַט אויף זײַן געבּיעט. די אַלע

שעפּפֿונגען זענען אָבער צווישען זיך ניט פֿעראייניגט געוואָרען. יעדער איינער סטיל איז זיך געבליבען אין זיין תחום, אָהן אַ שום קרובה׳שאַפֿט מיט די אַנדערע. עס האָט געפֿעהלט דער סטיל פֿון טראַנזיציע, דער סטיל, וואָס וואַרפֿט אַ בריק צווישען דער פּאָעזיע און דער פּראָזאַ, און דער פּובליציסטיק, און דעם פֿעליעטאָן. סטיל איז פֿערזענליכקייט, דאָס הייסט, עס איז די אָבשפּיעגלונג פֿון דאָס פּסיכישע לעבען. אין דער מענשליכער נשמה קומען ניט תמיד די איבערבייטען ראַפּטום, אָהן שום הדרגה. עס מאַכט זיך אויך אַ שטימונג, וואָס רייזט-אָן אויף דעם שפּרינגענדען פֿערד, קומט-אָן ווי אַ וויכער און פֿערכאַפּט מיט-אַמאָל דעם אָטהעם. אָפֿט אָבער קומט דער מענש צו זיינע פֿערשיעדענע שטימונגען דורך דער דעמערונג, איידער עס ווערט העל-ליכטיג גרויט זיך פֿריהער, און איידער עס ווערט פֿינסטער געשעהט אַ האַלב-טעניגער פֿאַרבען-שפּיעל.

אין אונזער שפּראַך איז דער מהלך פֿון דער פּראָזאַ ביז דער פּאָעזיע, פֿון דער פּאָעזיע ביז דער פּובליציסטיק, פֿון די אַלע ביז דעם פֿעליעטאָן, געווען זעהר אַ גרויסער. ווי איז אָבער, אַז איינער וויל די אַלע שטימונגען צונויפֿגיסען אין איין „זאַך“? אויפֿצוציהען אויף איין פֿאָדים? ווי איז דער דין, אַז איינער מאַכט דורך די גאַנצע גאַמע, די גאַנצע לייטער פֿון שטימונגען? איז אין דעם פֿאַל אויסגעקומען, אַז די אַלע טיילען זענען אַרומגעשוואומען פֿאַר-זיך בעזונדער ווי בוימעל אויף דעם וואַסער; איז אויף איין פּלאַץ געלעגען אַ בערגעל שנעע און אויף דעם אַנדערען — אַ הויפֿען פֿייער.

איידער סאָקאָלאָוו האָט פֿון זיין זעלע דעם נייעם סטיל אויסגעשפּונען, האָט מיט איהם דאָס אַליין ניט איינמאָל געטראָפֿען. ער פֿלעגט אָנהויבען אַלס פּאָעט מיט דעם פֿייערליכען סטיל פֿון נביאים און מגיה וביה, אַריינפֿאַלען אין אַ טרוקענעם דידאַקטישען סטיל, עס איז ניט געווען קיין איבערגאַנג, און עס האָבען זיך אַרויסגעזעהען די שטען.

סאָקאָלאָוו האָט אָבער ענדליך די שוועריגקייט איבערגעוואונדעט, און אויסגעבראָכען אַ וועג פֿאַר אַנדערע. ער האָט געשאַפֿען אַ מין סטיל, וואָס האָט אין זיך פֿון די אַלע עלעמענטען און עס איז ניט איינע פֿון די — ער האָט געשאַפֿען דעם סטיל, דורך וועלכען מען געהט לייכט איבער פֿון איין אַרט שרייבען צום אַנדערען. דורך איהם ווערען די אַלע פֿאָרמען צונויפֿגעוועבט אין איין גאַנצעס, ווערען „מעשה-מקשה“.

אין איין און דעם זעלבען פּעליעטאָן אַרגומענטירט מיט אײַך סאָקאָלאָוו מעשה=בעל-הבית, ווי אַ פּראַקטישער מענש, וואָס האָט געזעהען אַ וועלט, וואָס היצט זיך קיינמאָל ניט, נור רעדט געלאַסען און מיט ישוב=הדעת, בשעת פֿון די ליפּען=ווינקלען קוקט=אַרויס אַ זיכערהייטס=שמייכעל. דער סטיל איז דאָ בעל=הביתיש, אָהן בלומען, אָהן פֿייער=ווערק, נור סאָליד. איין וואָרט רעדט פֿאַר צעהן, מיט אַ געוויסער שטייפֿקייט: „שפּאַר זיך ניט, איך בין אויסען דײַן טובה“, און באַלד, איהר פֿיהלט דאָס אַפּילו ניט, אויף אַ זאָנדערבאַרען אופן גיעט ער זיך אַ דרעה, און צו אײַך רעדט שוין אַ געלעהרטער. ניט ווי איינער, וואָס האַלט פֿאַר אײַך אַ פּאָרטראַג פֿון אַ קאַפּעדרא, ניין, נור ווי דער געלעהרטער ביי זיך אין הויז, וואָס בעמיהט זיך זײַן געלעהרזאַמקייט פֿערשטעקען, נור די ידיעות זענען שטאַרקער פֿאַר איהם, און גנב'ענען זיך אַרויס דורך אַ זייטיגער טהיר און דעקען=אויף, ווער עס איז דער בעל=דבר. יאָ, דאָ שטעהט און רעדט אַ געלעהרטער מענש, וואָס האָט די זאַך דורכגעשטודירט און ווייסט זיכער, מיט וואָס דאָס וואָס אײַך אינטערעסירט וועט זיך ענדיגען, און ער קאָן שוין זײַן פֿרעהליך אָדער טרויעריג אויף אײַער חשבון.

און פּלוצלונג, אַ דרעה מיט דעם שטעקעל: איינס=צוויי=דריי, פֿאַר אײַערע אויגען שטעהט אַ מאַהלער. אַ ריהר מיט דעם פּענזעל, און עס וואַקסען בלומען. אַלערליי בלומען: בלוט=פֿייעריגע רויזען און ריינע נשמה=ליליען, מאַי=גלעקלעך, „פֿערגעס מיך ניט“, און גאָט ווייס ווי זיי הייסען. און אָט פֿערציהט זיך איבער אײַער קאָפּ אַ טיעף=בלויער האָריזאָנט, און אָט פֿליעסט און מורמעלט שטיל אַ טײַך. דער מאַהלער מאָהלט און די בילדער בייטען זיך ווי אויף דעם קינעמאַטאָגראַף.

און עס בייט זיך דאָס בילד, און צו אײַך רעדט פֿון אַ הויכען באַרג איינער מיט אַ פּראָפֿעטישער שטימע: זעהט, איך האָב געוואָרענט . . .

און ווייטער שטעהט פֿאַר אײַך אַ אָבגעפּוצט מענשעל, וואָס קען שוין אונטערהאַלטען אַ געזעלשאַפֿט, פֿון מויל פֿליהען גלאַטע געפּוטערטע ווערטעלעך, און ווערען בעגעגענט פֿון יעדען איינעם מיט אַ ליעבען שמייכעל, און פֿון דעם יונגענמאַנ'ס מויל גיסט און שפּריצט ווי פֿון אַ פֿאָנטאַן, און עס לײַכט, און עס שעמערירט, און די פֿרייד ווערט העלער, אינטענסיווער; די יונגע מיידעלעך'ס אויגען

בליצען, די באקען רויטלען זיך, און א חא־חא־חא צופלאטערט זיך אין דער לופט, די יונגע־לייט קוקען דעם רעדנער אין מויל: דער צענטער פון דער געזעלשאפט! און ער ווארפט זיינע נעצען און חאפט אלע הערצער, און ער אליין פערליערט זיך ניט אויף א רגע, ווי א געשיקטער יעגער ציעלט ער זיינע פיילען, און יעדע פייל טרעפט א ברוסט, און די צורופען ווערען העכער: בראווא, בראוואָ!

דער העלד פון דער נאכט, דער צויבער פון דער געזעלשאפט.

און פלוצלונג דערהערט איהר א שטימע פון א זיידען: קומט, מיינע קינדערלעך, אהער, אט שטעהען בענקלעך, זעצט זיך נור, און איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה: געוועזען א באבושקעלע, אנדערע יאהרען מיט אנדערע פאראנדקעס, ניט ווי היינט. אנדערש, אנדערש. מען איז ניט געלאפען און ניט געפלויגען, מען איז גע־פאהרען מיט דער אקס, ניט געוועזען קיין באהנען, און דער זיידע האט געטראגען א לאנגע קאפאטע, און פון הינטען האט ארויסגע־שטעקט א רויטע פאטשיילע, א רויטע... חא, חא, חא... לאכט, לאכט, קינדערלעך, אדרבא, פארוואס ניט? האט הגאה, נאר צוריק־געֶרעדט, איז גאר ניטא פון וואס צו לאכען.

און דער זיידע דערצעהלט אינטערעסאנטע מעשה׳לעך פון אמאל, און פון די מעשה׳לעך וואקסט־ארויס א מוסר־השכל, וואס ריהרט־אן עולמות. נאר דאס ווערט ארייגעשמוגעלט בנעימות, אויף די שפיץ־פינגער, און די אייניקלעך שלינגען און וויסען גאר ניט וואסערע א פילען זיי האבען איינגעשלונגען; אזוי ווי זיי וויסען ניט, אזוי וועט זיי ניט שאדען, שאדען נישט, אבער עס וועט זיי פיעל העלפען, עס וועט זיין צו רפואה.

אין די אלע אויסגערעכענטע געשטאלטען טרעט סאקאלאוו ארויס פיעלע מאל אין איין פעליעטאן. יעדער פיהלט אבער, אז אונטער די אלע שטעהט אליין סאקאלאוו. אין די אלע פארמען איז ניכר זיין סגנון, מחמת ער איז געגאסען אין דער פורם פון שעפער. סאקאלאוו גליטשט זיך פון איין שטימונג צו דער אנדערער און עס איז ניט בעמערקבאר. שטעהענדיג נאך אין דעם געוועב פון איין שטימונג ווארפט ער שוין פעדים פאר דער צווייטער, און אין דער צייט, ווען אייער אויפמערקזאמקייט איז נאך געווענדעט אויף אוזארען פון ערשטען געוועב, איז שוין פאר אייך אויסגעוואקסען א נייע געוועב, וועלכע קאן אויך זיין דער קאנטראסט פון ערשטען, אבער עס רייסט מעהר נישט אייערע אויגען, דען אייער ראיה איז

צוגעוועהנט געווארען צו דער ענדערונג. דורך דעם דעמערונגס-סטיל, אין א צארטער אומארמונג ווערט איהר געטראגען פון איין שטימונג אין דער אנדערע, איהר וואקסט אריין אין יעדע שטימונג אהן שמערצען, אהן אומזיסטער בלוט-אויפקאכונג, אהן אונגויטיגער נער-ווען-צוטרייסלונג — דורך דעם אייגענארטיגען סאקאלאוו-סטיל.

סאקאלאוו איז דער זשעניע פון דער שפראך. זי שיינט ביי איהם מיט אלע פארבען פון דעם רעגענבויגען. אין דעם רייכטום פון אויסדריקע געהט ער איבער אלע העבראאישע שריפטשטעלער. וועגען וואס ער זאל ניט רעדען, דערלאנגט ער אייך ווערטער מיט דער פולער האנד, און איהר האט דעם איינדרוק, אז עס איז פאראהאן נאך מעהר: „יש לי רב”, נור עס איז גענוג דערווייל.

ווען איהר לעזט אפילו אונזערע בעסטע שרייבער זעהט איהר, ווי אזוי זיי זענען צורעכט-געקומען מיט דעם שווערען בעגריף, פאר וועלכען עס האט געפעהלט דער אויסדריק, איהר זעהט דאס שטיק וועג, וואס יעדער איז אבגעגאנגען, ביז ער האט זיך ארויס-גערעדעט, — ניט אזוי ביי סאקאלאוו'ן. מתנות ווערטער פאר יעדען אויסדריק טאנצען ארום איהם, ווי די שדימלעך, מיט א „וואס קאן איך דיענען”-שמייכעל אויף די ליפען, גרייט אויף יעדען וואונק צו לייסטען.

וואס ער זאגט און וואס ער מאהלט קומט איהם אן לייכט. לעזענדיג איהם, אויב איהר האט אביסעל דמיון, מאהלט זיך אייך אויס, ווי איהר זעהט א שלאנקען מאן מיט איין-שוה, שטארק פער-שנורעוועט אויף זיינע שיך, גליטשענדיג זיך אויף דעם אייז: פיף-פאף-פי... אויף דעם ברייטען טייך, שנעל-שנעל קוים וואס האט אויג חאפט, און ער דרעהט זיך אויס און מאכט פערשידענע צירקלעך: הין-הער, רעכטס, לינקס און ווייטער פליה... שנעל, שנעל, דער שטח ווערט פערשלונגען, און דער גליטשער צווארמט זיך און איז צופריעדען.

און אמאל און דער גליטשער לאזט זיך גליטשען בארג-אראב, ביים אנהויב איינגעהאלטען, נאכדעם שנעלער-שנעלער און עס דוכט זיך, אז אט, אט וועט ער זיך אויסגליטשען, פאלען מיט דעם קאפ און צושיט ווערען אויף שטיקלעך. דער גליטשער לאזט זיך אראנטער רוהיג, קומט צו זיין ציעל, פערבויגט זיך גראציעז און שמייכעלט: אומזיסט אייער אונרוה.

אין סאקאלאוו'ן האבען זיך בעגעגענט די אלע אונזערע ליטע-

ראטור-שטרעמונגען: איהר האט דארט תנ"ך, תלמוד, ספרא א. ז. וו. מדרש, זהר, פיוט, ספרי מחקר, חסידות אקסעל ביי אקסעל, אין דער בעסטער דיסציפלין.

ווילט איהר העברעאיש זיך אויסלערנען? לייענט סאקאלאוו'ן. ווילט איהר מאכען זיך א בעגריף וועגען דאס וואס אונזער שפראך איז ביכולת צו לייסטען אויף פערשידענע געביעטען, ניט פערפעהלט לייענען סאקאלאוו'ן.

א שאד נור, וואס אונזערע הרעסטאמאטיע-מאכער שפרינגען איבער סאקאלאוו'ן. פון זיינע שריפטען וואלטען זיי געקאנט אויסקלייבען פיעל, פיעל זאכען, וועלכע זענען זעהר פאסיג פאר קינדער, יונגערע און עלטערע. פון זיינע זאכען וואלט אויף דעם קינד א ווייהגעטהון מיט דעם סוד פון דער אלטער שפראך, וועלכע האט איינגעזויגען אין זיך די זאפט און קראפט פון פיעלע דורות, און אין וועלכער עס האבען זיך צוזאמענגעגאסען די קולטורען פון מזרח און פון מערב, פון דעם אלטערטום און פון דער נייער אייראפא.

א שאד, וואס זיינע שריפטען וואנדערען-ארום אין כף-הקלע איבער בלעטער און ביכער — ווען מען וואלט דאס רייכטום צונויפגענומען, אבגערעדט שוין פון דעם, וואס עס וואלט געווען א אבשפיעגלונג פון דאס לעבען פון דעם דור, דען ער מיט זיין עמפפינדליכקייט האט זיך דאך אבגערופען אויף אלץ און אלעס, נאר וואס פאר א מזל און ברכה דאס וואלט זיין פאר דעם סגנון. וואס פאר א שפראך-רייכטום דארט געפונט זיך, וויפיעל פגרים זענען דורך זיין הויך אויפגעשטאנען תחית-המתים און זיך אנגעהויבען לעבעדיג בעוועגען; וואס פאר א נייע קאמבינאציעס פון אלטע פארמען, וויפיעל דימענטען עס ליגען דארט צעווארפען, וויפיעל יוגענד מען וואלט דארט געקאנט שעפען.

סאקאלאוו'ס שריפטען זענען אבער עד-היום ניט געזאמעלט. מיר זענען טרוד מיט די זעמטליכע שריפטען פון אונזערע ארחי-פרחי-ליטעראטען. דעם העלפאנד האט מען ניט בעמערקט. דעם העלפאנד? ניין, דעם ריעז פון אונזער ליטעראטור.

IV.

דער, וואָס איז אמת גרויס, עלטערט זיך ניט.

סאָקאָלאָוו איז ניט נור ניט עלטער געוואָרען, ניט נור איז אין איהם ניט צו בעמערקען קיינע שפּורען פון שוואַכקייט, נאָר ער ווערט מיט יעדען יאָהר גאָר פרישער.

סאָקאָלאָוו איז די גליקליכע אויסנאַהמע צווישען אידישע שריפטשטעלער. ביי אונז ווערען, געוועהנליך, די יונגע לייט אַלט פאַר דער צייט, שעפּען זיך אויס נאָך די ערשטע פּאָר יאָהר, פערבליהען איידער זיי האָבען זיך נאָך רעכט צובליהט, געבען אַ בליץ אויף דעם הימעל — און לעשען זיך, ווי אַ בליץ, שנעל אויס.

וויפיעל יונגע זקנים מיט בייזע אויגען, נאָר אויסגעלאָשענע, מיט צונויפגעדריקטע פויסטען, וואָס ציטערען, אָבער, נערוועז אויס שוואַכקייט, פערמאָגט אונזער ליטעראַטור. ניט אומזיסט איז אונזער ליטעראַטור פול מיט קללות און שימפּעריי, גאַל און גיפט. אַן'אַלטער מענש, וועלכער איז אַלט געוואָרען אין דער צייט און איז זאַט געוואָרען מיט יאָהרען, איז, געוועהנליך, ליעבליך און צוגעלאָזט, מיט אַ הייליגען שמייכעל אויף די ליפּען, און די הענד זענען תמיד גרייט צו גלעטען, און זיך מיט אַ ברכה אויף די קעפּ פון די אייניקלעך צו לעגען. מענשען אָבער, וואָס זענען אַלט געוואָרען פאַר דער צייט — יונגע זקנים — זענען אויסגערעגט און געערגערט, אין די ליפּען-ווינקלען לויערט אַ געפעהרליכער שמייכעל און אַ מינדסטער שאָרך ברענגט זיי אַרויס פון די כלים, און זיי זענען תמיד גרייט דורס צו זיין.

אונזער ליטעראַטור האָט שוין צופיעל יונגע זקנים, צופיעל פערביטערטע נשמות און בעליידיגטע גייסטער.

סאָקאָלאָוו איז דער פרעהליכסטער קאָנטראַסט. ער איז נאָך איצט יונג אין גייסט, און ווערט מיט יעדען יאָהר יונגער.

ער איז ניט פערביטערט, הגם ער וואָלט געקאָנט געפינען סבות פאַר דעם.

ער איז יונג און די וועלט שמייכעלט זיך איהם איין. ער איז אָפּטימיסטיש און עס שרעקט איהם ניט קיין דורכפאַל.

סאָקאָלאָוו האָט, זעהט-אויס, אויסגעפינען דעם יוגענד-פאָנטאַן און פון איהם געטרונקען.

ביי די אומות-העולם איז עס ניט קיין נייעס, אַז קינסטלער

זאָלען אין דער עלטער זיין בלוט-און-מילך, אַז זייער זון זאָל נאָך אין פולען גלאַנץ איבער דעם קאָפּ שיינען און זייער טאַלאַנט זאָל וואַקסען מיט די יאָהרען.

דער הומאָריסט מאַרק טווין איז געווען פריש און יונג ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, און ער איז ניט געווען קיין יונגער-מאַן; גוטמוטהיג, ליעבליך ווי אַ קינד, מיט קינדערשע קאָפּריזען און איינפאַלען אין דעם טאָג-טעגליכען לעבען, און פריש און מיט אַ שמייכעל בעקרוינט איז אויך געווען זיין פעדער. עס האָט פון איהר געשלאָגען הומאָר ווי אַ קוואַל.

האוועל, וועמעס זיעבציג-יעהריגען יובילעאום אַמעריקאַ האָט ערשט די טעג געפייערט, איז נאָך אַ הויפּט-פיגור אין אַמעריקאַ'ס ליטעראַטור, שפּיעלט נאָך איצט די ערשטע פידעל אין ליטעראַרישען אָרקעסטער.

דער פּרינץ פון ווימאַר איז ניט אַלט געוואָרען, לייִדענשאַפטס-רויזען האָבען ניט אויפגעהערט צו בליהען אין זיין געזיכט, ניט אויסגעלאָשען איז געוואָרען דער יוגענד-פייער אויך אין איבסען'ס ברוסט, און מען וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך און נאָך.

ביי די אידען איז אין דער הינזיכט סאָקאָלאָוו דער בן-יחיד. פון זיין שרייבען שפּריצט מיט פריש רויט בלוט. ער איז תמיד ניי און פריש.

דער הויפּט-חסרון פון עלטערע שרייבער איז דאָס, וואָס זיי הויבען-אָן זיך אַליין בעגנבענען, וואָס זיי פערגרעסערען מעהר ניט דאָס קרן, נור לעבען פון פּראָצענט, וואָס זיי הויבען-אָן בלינד דיענען צו די אייגענע שעפּפונגען און זיי נאָכאַהמען. סאָקאָלאָוו בעניַיט זיך אָבער אַלע מאָל. ער ברענגט תמיד מיט זיך נייעם קאָפּיטאַל, און זוכט נייע פאָרמען.

ער איז אַ דינאַמישע קראַפט, אַ ראָד, וואָס דרעהט זיך, ניט אַ דאַנק אינערציע, נור אַ דאַנק דעם שטענדיגען וואַסער-צופלוס.

עס איז נור צו בעוואונדערען זיין בעלעזענקייט, זיין קענטניס, זיין פיעלזייטיגקייט. זיין נייגיערדע ווערט מיט די יאָהרען ניט געלאָשען. ער איז תמיד אויף געיעג, און זוכט נייע איינדריקען.

סאָקאָלאָוו איז איינער פון די איינציגע העבּרעאישע שריפטשטעלער, וואָס האָט ארומגערייזט די וועלט, זיך בעקאַנט ניט נור מיט אידען פון די פערשידענע לענדער, נאָר אויך מיט דעם לעבען און מנהגים פון פערשידענע פעלקער, מיט דעם אינהאַלט

פון זייער לעבען, מיט זייער תמצית, ניט בלויז מיט די צופאלען, ער איז, אין דער הינזיכט, דער אמת'ער קאסמאפאליט. ער האט ניט קיינע פאראורטיילען, זיין זין איז אפען און גרייט אויפצונעהמען נייע רשמים. ער קומט ניט קוקען אויף דעם ביז-וואונדער, ער קומט שטודירען דאס פאלק, און ער געפינט אומעטום א געוויסע שענקייט, א אייגענטימליכקייט, וואס איז ווערט צו בעוואונדערן.

ער האט אבער ניט קיין התבטלות פאר גרויסע קולטורען. ער געפינט דארט אייניגעס, וואס פערדיענט אינקארפארירט צו ווערען אין אונזער סיסטעם, און ער ווייזט-אן אויף דעם ביי יעדער געלעגענהייט. ער בעציהט זיך אבער צו אנדערע קולטורען ניט ווי א שנארער, נאר ווי א יורד. ער ווייסט דעם ווערט פון דער אייגענער קולטור, פון די אייגענע אוצרות, פערשטעהט די בעדייטונג פון אידיש בלוט, צוליעב וועלכען, ניט-קוקענדיג אויף די שטערונגען, קלעטערען פיעל אידען האך ארויף אויף דעם שפיץ פון בארג, און ער ווייסט נאך מעהר, וואס מיר וואלטען געקאנט לייסטען ביי נארמאלע אומשטענדען.

נאך דער השכלה-דיכטער יל"ג האט געפרעגט: „כמה לומונוסובים איכא בשוקא!". יל"ג האט אבער צופיעל מבטל-געווען די אייגענע קולטור, און ניט איינגעזעהן וויפיעל גאונות עס געפינט זיך אין די אייגענע ווינקעלעך. מען האט נור איבערגעפלאנצט דעם חריף שלמה מימון אין אנדערע בעדינגונגען און ער איז אויפגעשטיגען צו דער מדרגה פון טיעפען פילאזאף. דער שטאף איז געווען אין איהם. ער האט נור בעדארפט זיך ענטוויקלען אין ריכטיגע ליניען.

פראפעסאר הערמאן שאפירא קריגט דעם ריכטיגען שטויס און ער ווערט דער בעריהמטער מאטעמאטיקער. אזעלכע ביישפיעלען וואלט מען געקאנט ברענגען פיעל.

סאקאלאוו ווייסט פון דעם זעהר גוט, ער ווייסט וויפיעל אוצרות ליכט עס געפינען זיך אין דער געטא, וואס בלייבען בבחינת „אור גנוז", מחמת עס פעהלען אין אונזער לעבען די נויטיגע בעדינגונגען פאר אמת'ער שעפפונג. ער זעהט עס צוערשט פון זיך זעלבסט: דער אידישער עלוי ווערט דער גרויסער ווארטס-פיהרער. ער ווייסט, אז נאך מעהר ווי ער ווייזט-ארויס ליעגט בעהאלטען אין די טיעפענישען פון זיין נשמה.

אין אמת'ן האט אויך זיין גרויסען טאלאנט געפעהלט א טרייע

האַנד. אַ אויפמערקזאַם פּובליקום, אַנ'ערצויגענעס, וואָס שעצט זיין מייסטער, אויך איהם האָט געפעהלט די נויטיגע אַטמאָספּערע, דאָס פיהרענדע ליכט, דער קאָמפּאַס.

דער גרויסער מענש שלאָגט טאַקע פאַר זיך דורך נייע וועגען, עס איז אָבער פאַר דעם גרויסען מענשען דעם נייעם וועג זעהר שווער צו מאַכען, ווען מען דאַרף עס טהון אין דער פינסטער, אָדער ווען עס זענען דאָ פיעל אירע-ליכטער, וואָס פערשלעפּען אין פינ־סטערע וועלדער, אין פוסטע פעלדער, אויף שפּיציגע סקאַלעס, וואָס הענגען איבער אָפענע תהומות, וואָס ביי דעם מינדסטען גליטש קאָן מען צובּרעכען לייב און ביין.

ווען סאָקאָלאָוו האָט זיך גענומען צו דער זשורנאַליסטיק, האָט ער געמוזט טאַפּען זיין וועג אין דער פינסטער. עס איז ניט געווען קיין „סטאַנדאַרד“, און נאָך ערגער, עס איז ניט געווען קיין פּובליקום.

דער גרעסטער שעפער, דער גרעסטער קינסטלער מוז האָבען בעוואונדערער. אין דער הייסער אַטמאָספערע פון בעוואונדערונג וואַקסט דער קינסטלער און ענטוויקעלט זיינע קרעפטען. עס מעג זיך ווי שען קלינגען די פראַזע: „קונסט צוליעב קונסט“, און מיר ווייסען גאַנץ גוט די בעדייטונג פון דעם, וואָס מען וויל אונז מיט דער פראַזע לאָזען הערען. די פראַזע האָט אונז געגעבען נור אַ האַלבען אמת, ווען מ'האָט ניט מוסיף געווען, אַז אויך די, וואָס שאַפען „קונסט צוליעב קונסט“ און זענען פריי פון אַנדערע טענדענצען, קאָנען זיך אָבער ניט בעפרייען פון דעם געפיהל — צו וועלען גע־פעלען דעם פּובליקום.

פרעגט די קינסטלער און זיי וועלען אייך דערצעהלען ווי וויט זיי לעכצען נאָך דער אנערקענונג, נאָך די לאָרבּער-בלעטער. דער לויב, דער רוהם, דער ווייווּך — דאָס איז זייער ברויט און זאַלץ, מיט וועלכען זיי נעהרען זייער טאַלאַנט.

דער ערשטער אימפּולס, דער ערשטער טריעב צום שאַפען מעג זיך זיין, איז געוויס די אייגענע בעפריעדיגונג. עס האָבען אָבער זעהר ווייניג דיכטער געלעבט, וועלכע האָבען די שריפטען פאַר זיך אַליין געשריבען, און ניט געזוכט מיט זיי בעגליקען די וועלט.

איינער זוכט דעם אַפּלויז פון דער גאַלעריע, און אַנ'אַנדע־רער — פון די לאָזשען. דער אַפּלויז איז אָבער דער בוימאייל אויף די רעדער פון שעפּפונג. דער אַפּלויז קלינגט אין די אויערען פון

דעם קינסטלער ווי מוזיק, און ברענגט איהם אינספּיראַציע, רוח־הקודש.

ווען סאָקאָלאָוו האָט נור אָנגעהויבען שרייבען, איז ער געוועזען מיט צעהן קעפּ העכער פון זיין לעזע־פּובליקום, און די נויטיגקייט אין ערוויעדערונג, אין אָבּרופונג, וואָס איז אַ הויפּט־שטריך אין זיין נשמה, האָט איהם געצוואונגען אין זיך זיין טאַלאַנט אַביסעל צו אונטערדריקען צוליעב זיין פּובליקום. פּשוט גערעדט: ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען צום פּובליקום, זיך אַביסעל צוגעפּאַסט צו זיין געשמאַק.

די שטרענגע ריכטער אונזערע, וועלכע לעבען אויף געבאָרגטע פראַזען, שטעלען־אָן אַ ברוגז'ע מינע: „מען דאַרף דאָס פּובליקום אויפהויבען צו זיך, און ניט זיך אַרונטערלאָזען צום פּובליקום". די מימרא איז אַ שענע, אָבער דאָס איז גערעדט געוואָרען, ווען עס איז דאָ אַ פּובליקום, וואָס איז שוין ערצויגען און געוועהנט געוואָרען צום לעזען. ווען מען דאַרף אָבער דאָס פּובליקום ערשט שאַפען, ווען ניט האָט מען קיינע לעזער ניט, דאַן איז די זאַך אַנדערש.

סאָקאָלאָוו האָט געליטען מעהר ווי יעדער איינער, וואָס ער האָט, אין דער ערשטער צייט, געמוזט פלעכטען שטריק פון פראַזען, כדי אין גיך צו חאַפּען דאָס פּובליקום. אַז ער איז ניט געוועזען קיין פראַזיאָר, — האָבען מיר דאָך אַ ראיה פון זיינע ניט־אידישע שריפטען. דאָרט איז גאָר געוועזען אַן אַנדער טאָן. דאָרט איז אַליץ געוועזען צום פּונקט, עלעגאַנט און אָבגערונדעט, מחמת דאָס פּובליקום, צווישען וועלכען ער האָט זיך דאָרט בעוועגט, איז געוועזען מעהר מאָדערן, האָט געהאַט אַן אַנדער ערציהונג.

עס איז ניט קיין ספק, אַז די ענגע אַטמאָספערע האָט איהם געשטיקט, און איהם איז געוועזען באַנג אויף דער נשמה, און ער האָט זיין אומעט אין רייזען, אין נייע איינדריקען, דערטרונקען. ער האָט געוואַנדערט, ער האָט אָבער ניט פון זיין פאָלק אַוועק־געוואַנדערט, ער האָט געליטען און געוואַרט אויף בעסערע צייטען.

דער ענגלענדער איזואַנס גאָרדאָן, וואָס איז ניט געוועזען קיין אידען־פריינד, האָט ערקלערט, אַז דער איינציגער אמת'ער אייראָפּעער, וואָס ער האָט געפונען אין גרויסען רוסלאַנד, איז געוועזען דער איד נחום סאָקאָלאָוו. ער האָט אָבער מיט אַ כיוון צוריקגעהאַלטען זיין אייראָפּעאיזם, ער האָט געגעבען דאָס ליכט לויט די כלים. מיט

דעם וואַקסען און ענטוויקלען זיך פון דער אינטעליגענץ פון אונזער פובליקום, האָט סאָקאָלאָוו זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אין זיין פול געשטאַלט.

דאָס ערקלערט, וואָרום סאָקאָלאָוו איז ניט נור ניט געוואָרען עלטער, נאָר ער ווערט נאָך, מיט דעם לויף פון די יאָהרען, פיעל יונגער. סאָקאָלאָוו'ס היינטיגע פעליעטאָנען זענען ניט מעהר פאַר דער ברייטער מאַסע, נור פאַר אַ ענגערען קרייז. דער קרייז איז שוין אָבער היינט דאָ, און סאָקאָלאָוו איז פון דעם, ווייזט אויס, זעהר צופריעדען. איהר פיהלט עס אין דער פרעהליכקייט, וואָס שיינט־אַרויס פון די שורות, אין דער פרישקייט, אין דער אינטימיטעט. איהר זעהט, אַז דער שרייבער נעהמט זיך זיינע פעליעטאָנען שרייבען מיט ליכטיגע אויגען, מיט אַ לייכט האַרץ, און מיט אַ פולער ברוסט.

סאָקאָלאָוו שענקט איצט מיט רויטען וויין, מיט „יין המשומר", און ער קאַרגט ניט, ער דערלאַנגט מיט אַ פולער האַנד: טרינקט און האָט הנאה. יאָהרען האָט איהר אויף דעם געוואַרט ביז די גוטע צייט איז געקומען.

סאָקאָלאָוו ווערט נאָך איצט אויך ציפיעל פערשלונגען פון דעם מאָמענט. ער האָט ניט די געלעגענהייט זיך אַביסעל רוה צו קויפען, אַז ער זאָל אונז קאָנען געבען גאַנצע ווערק. דאָס לעבען יאָגט אין האַלז און נאַקען און רייסט ביי איהם פון דער האַנד שטיקלעך און ברעקלעך. אין דעם איז אָבער שולדיג ניט ער, נאָר זיין און אונזער מזל.

ער וואָלט אונז געקאָנט גאַנצע וועלטען געבען. דען אין זיין קאָפּ הויזען גאַנצע וועלטען. ער איז צו אַלער ערשט אַ מושלם, אַ מענש, וואָס האָט זיך געקויפט פיעל ידיעות. ער איז ניט קיין דילעטאַנט. וואָס ער קען — קען ער גרינדליך.

אין דעם היינטיגען דור פון ספּעציאַליטעטען און צוטיילונג פון אַרבייט, קוקט מען קרום אויף דעם מושלם, אויף דעם מייסטער אויף פיעלע הענד. מען פערגעסט אָבער, אַז די צוטיילונג אין קעסטלעך איז אַ קינסטליכע, אַז אין לעבען, אין דעם יוניווערזום, איז אַליך אין איינעם, יעדעס איז אַ טייל פון דעם אַנדערען און אַ פאַרטזעצונג, אַ רינגעלע אין די גרויסע קייט.

מען קאָן ניט זיין גרויס אין קיין פאַך, ווען מען האָט ניט קיין בעגריף פון די אַנדערע פאַכען.

אונזער שענע ליטעראַטור, ספּעציעל די געשריבענע אין אידיש — איז דעריבער אַזוי בעגרענצט און הויבט זיך ניט אויף העכער פון דער אויבערפלעכע, ווייל אונזערע קינסטלער האָבען שטאַרק מורא פאַר קאָפּ-אַרבייט, פאַר וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע.

געטהע האָט זיך אָבער גאָר גרויס געהאַלטען מיט דעם, וואָס ער האָט ערפונדען די נייע טעאָריע וועגען קאָליערען, און ער איז געוועזען אַ פלייסיגער סטודענט פון באָטאַניק און אַנדערע וויסענשאַפטען, און ניט וועניג פון דער פילאָזאָפיע.

מעטערלינק איז אַ באָטאַניקער, שטודירט דאָס לעבען פון די ביהנען און איז אַנ׳ערנסטער תּלמיד פון ניטשע און פּראַגמאַטיזם.

אונזערע קינסטלער, ספּעציעל די יונגע, וואָס שרייבען אין אידיש, פערלאָזען זיך אויסשליסליך אויף דעם אינסטינקט. אונזערע זשורנאַליסטען זויגען פון פינגער, און קנאַקען מיט פייער-ווערק.

סאָקאָלאָוו איז, אין דער הינזיכט, נאָך איינער פון דעם אַלטען דור. זיינע ידיעות זענען ברייטע, ער איז בקי אין אַלע ווינקעלעך פון אונזער אייגענער ליטעראַטור, פון דער גאָר-אַלטער ביז דער גאָר-נייער, ער איז בעקאַנט מיט דער וועלט-ליטעראַטור אין דער ערשטער קוועלע. ער איז בעוואָפענט מיט אַלע נויטיגע רודימענטען, און האָט גרויסע ידיעות אין היסטאָריע, סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווי אַ געוויסע בעקאַנטשאַפט מיט דער פילאָזאָפיע.

אויף דעם הינטערגרונד וועבט ער זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען, אָט דערפאַר זענען זיי אינהאַלטס-רייך און האָבען אַנ׳אַחידה, אַ באָדען אונטער זיך, און זענען ניט קיינע בלויזע השערות, פערפלאָנטערטע שפּינוועבעך, געשלאָגענע שוים.

עס איז אונזער איבערציינונג, אַז וואָלט ער געהאַט די נויטיגע רוהע, וואָלט ער אונז געקענט שאַפען ביכער, וועלכע זאָלען בעלייכטען גאַנצע עפּאָכען אין אונזער לעבען, ביכער, וואָס אומפאַסען גאַנצע אָבהאַנדלונגען איבער פעלקער און לענדער.

אונזער מזל האָט גורם געווען, אַז ער זאָל געצוואונגען זיין דאָס גרויסע פייער אין פונקען צושלאָגען.

זעהר גרויס זענען אָבער געווען זיין קראַפט, זיין גאַבע, זיינע פעהיגקייטען, און ער האָט אויך דורך די שעהדיגע אַרטיקלען זיך געקויפט חיי-עולם, אונשטערבליכקייט.